STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00574

DOS TOG-BUKH

Dawid Rubinowicz

Permanent preservation of this book was made possible by
Erica Fishman & Kirk Brattkus
in honor of
the birth of their daughter Maya

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

D. RUBINOWICZ
BODZENTYN
ul. Kielecka № 13

דאָס טאָג־בוך

פון דוד רובינאָוויטש

KSIĄŻKA i WIEDZA 1960

1960 »קסיאַנזשקאַ אי וויעדזאַ«

אײנלײטונגס־װאָרט

יאַראָסלאַװ איװאַשקיעװיטש

די קאָמענטאַרן אין טעקסט, אױסגעטײלט מיט אַ קלענערן שריפט, און די נאָטיץ „װעגן דעם װײטערדיקן גורל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין באָדזענטין" האָט באַאַרבעט

אַדאַם רוטקאָװסקי

נאָכװאָרט

מאַריאַ יאַראָכאָװסקאַ

איבערזעצט אױף ייִדיש

ד. ספּאַרד

טעכנישער רעדאַקטאָר

ש. ליכטענשטײן

by „Książka i Wiedza" — Warszawa 1960 r.
Printed in Poland

די ייִדישע אױסגאַבע איז געװאָרן צוגעגרײט און אַרױסגעגעבן דורכן פֿאַרלאַג „ייִדיש־בוך".

די געשיכטע פון אַ קליין יינגל און פון זיין פאַמיליע אין דער צייט פון די שוידערלעכע יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע אין פוילן איז אין דעם טאָג־בוך ארויסגעבראַכט מיט דער גאַנצער פשוטקייט פון אַ קינדערשן סטיל, דער איינדרוק איז דעריבער נאָך אַ גרעסערער. דאָס, וואָס עס באַשרייבט דער קליינער דודל, קען זיך היינט אויסווייזן עמעצן ווי אַ נישט פאַרשטענדלעכער קאַשמאַר — עס איז דאָך אַ בילד פון דער ווירקלעכקייט, דורך וועלכער עס האָבן געמוזט אַדורכגיין מיליאָנען פון דער פוילישער און יידישער באַפעלקערונג אין יענע שווערע יאָרן

מיר מוזן זאָרגפול איינהיטן דעם אָנדענק פון יענער צייט. אַזעלכע ווערק, וועלכע די ווירקלעכקייט אַליין האָט דיקטירט, האָבן דעם ווערט פון אַ דאָקומענט און פון אַ וואָרענונג. יעדער איינער, וואָס וועט איבערלייענען די פשוטע ווערטער און פשוטע זאַצן פון קליינעם ליידנדיקן און אַזוי סימפּאַטישן יינגל — וועט אויף זיכער זיך זאָגן „מער קיינמאָל נישט!” די צייטן פון פאַראַכטונג, די עפּאָכע פון אויוונס קענען זיך מער קיינמאָל נישט איבערחזרן.

צוזאַמען מיט דודלען ליידן מיר און גלייכצייטיק זענען מיר שטאָלץ, וואָס דאָס דאָזיקע קליינע יינגל האָט געפונען אין זיך אַזוי פיל כוח און אַזוי פיל איידלקייט, וואָס ער איז געווען אויף אַזוי פיל אינטעליגענט, אַז ער האָט טאָג איין טאָג אויס, וואָך איין וואָך אויס אין אַ שיינעם פּראָווינציאָנעלן פויליש פאַרשריבן זיינע איבערלעבונגען. צי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, דאָס דאָזיקע יינגל — כמעט אַ קינד — אַז דאָס וואָס ער באַשרייבט אין זיינע נאַיווע העפטן, וועט זיין איין גרויסער „איך באַשולדיק” אויף

דעם אַדרעס פון זיינע דעמלטיקע, פאַרפאָלגער, וואָס זייערע שפורן זענען נאָך ווייט נישט פאַרוואַקסן מיט גראָז, נישט פאַרשיט געוואָרן מיט זאַמד.

די פאַרפאָלגער פון דודלען הייבן אויף די קעפּ. מיר דאַרפן זיי אַנטשלאָסן זאָגן: ניין! מיר וועלן נישט דערלאָזן צו דער איבערחזרונג פון דעם, וואָס האָט דורכגעמאַכט דודל און זיין פאַמיליע, און מיליאָנען די, וואָס זענען אומגעקומען פון אַ קויל, פון גאַז, פון אַן איינשפּריצונג פון די אוממענטשלעכע פאַרפאָלגער.

מיר דוכט, אַז מיר האָבן זיך אַביסל אָפּגערוקט פון די זכרונות פון יענער עפּאָכע, אַז מיר האָבן מעגלעך אַביסל צו שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן וועגן איר. אפילו די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אָפיציעל איבערגענומען די אויפזיכט איבער דעם דאָזיקן אָנדענק, האָבן אָפּגעשוואַכט זייער טעטיקייט, אָדער זיי האָבן זי פּשוט געהאַמעוועט. דער אָפּקלאַנג, וועלכן דאָס טאָג־בוך פון דודלען האָט אַרויסגערופן אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט עדות וועגן דעם, אַז דער ענין היטלערישע פאַרפאָלגונגען איז נאָך נישט פאַרענדיקט.

Jarosław Iwaszkiewicz

Rubinowicz

nazwa przedmiotu

Język Polski

Nazwisko Rubinowicz

Imię Marnia

Klasa III Rok nauki III

Rok szk. 1940/41

RUBINOWICZ DAWID

RUBINOWICZ DAWID

RUBINOWICZ DAWID

RUBINOWICZ DAWID

Rubinowicz D

ZŁÓŻ GROSZ NA BUDOWĘ SZKÓŁ POWSZECHNYCH

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

RUBINOWICZ
DAWID

ROK 1940

21 marca. Wczesnym rankiem szedłem przez wieś na której my mieszkamy. Zdala zobaczyłem na ścianie sklepu jakieś ogłoszenie, poszedłem prędko przeczytać. Nowe ogłoszenie było żeby Żydzi nie jeździli całkiem na wozach (pociągami już dawno było wzbronione).

4 kwiecień. Dziś wstałem wcześniej bo miałem ~~~~ iść do Kielc. Po śniadaniu wyszedłem z domu. Smutno mi było samemu iść polnymi drogami. Po 4-ro godz. podróży weszłem

דאָס דאָרף קראַינאַ, דער ישוב ביעליני, די שטעטלעך באָדזענטין און סוכעדניאָוו, ווי אויך אַנדערע ערטער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין טאָג־בוך, געפינען זיך אין קעלצער קרייז. דער דאָזיקער קרייז איז אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע געווען איינער פון די צען קרייזן פון ראַדאָמער דיסטריקט. אין באַשטאַנד פון דעם דיסטריקט זענען נאָך אויסער דעם אַריינגעגאַנגען דריי אויסגעטיילטע שטעט: ראַדאָם, קעלץ און טשענסטאָכאָוו. אויף דער טעריטאָריע פון דעם דיסטריקט מיט אַן אויבערפלאַך פון 25 טויזנט 500 קוואַדראַט קילאָמעטער האָבן געלעבט לויט דער ציילונג פון 10 מערץ 1940 — 2.726,516 איינוווינער, אין דעם העכער 360.000 יידן. אין קעלצער קרייז האָבן געלעבט לויט געגעבענע פון יאָר 1941 ביי אַ 33.000 יידן.

דער ראַדאָמער דיסטריקט ווידער איז געווען איינער פון די פיר (וואַרשעווער, קראָקעווער און לובלינער), און פון דעם 1־טן אויגוסט 1941 איינער פון די פינף (ס'איז צוגעקומען דער גאַליציאַנער באַצירק) דיסטריקטן פון דער אַזוי גערופענער גענעראַל־גובערניע, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן פון די אָקופּירטע צענטראַלע פּוילישע געגנטן אויפן סמך פון אַ דעקרעט פון היטלערן פון 12־טן אָקטאָבער 1939.

פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אויך ביז דעם יאָר 1942, האָבן אין דאָרף קראַינאַ געוווינט 7 יידישע פאַמיליעס, אין די שכנותדיקע דערפער: אין רעטשקאָווע — 2 יידישע פאַמיליעס, אין גורנע — 3 פאַמיליעס, אין וואָליע יאַראָכאָווע — 2. אין די דערפער ביעליני פאַדוכאָוונע און ביעליני קאַפּיטולנע האָבן געוווינט 79 יידן.

דאָס יאָר 1940

21 מערץ: גאַנצפרי בין איך מיר געגאַנגען דורכן דאָרף, אין וועלכן מיר וווינען. פון ווייטנס האָב איך דערזען אויף דער וואַנט פון דער קראָם אַ מעלדונג, איך בין שנעל צוגעגאַנגען איבערצולייענען. ס'איז געווען אַ נייע מעלדונג,

אַז יידן זאָלן אינגאַנצן נישט פאָרן אויף וואָגנס (מיט דער באַן איז שוין פון לאַנג געווען פאַרבאָטן).

דודל האָט רעכט, ווייל שוין דעם 26 יאַנואַר 1940 האָט דער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וועלכע פאַרווערט יידן צו פאָרן מיט טראַמווייען, אויטאָבוסן, באַנען א.ד.ג.. און דעם 20־טן פעברואַר 1941 האָט זיך באַוויזן אַ פאַראָרדענונג פון פראַנקן, וועלכע פאַרווערט יידן צו באַנוצן זיך אויף דעם גאַנצן שטח פון דער גענעראַל־גובערניע מיט אַ וועלכע ס׳זאָלן נישט זיין קאָמוניקאַציע־מיט־לען, ד. ה. אויך מיט דראָזשקעס, וואָגנס, שליטנס א.ד.ג. די דאָזיקע לעצטע פאַראָרדענונג האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער דעמאָלטיקער פאָליטיק פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, וועלכע האָט געצילט צו שאַפן אין אַ מאַסן־מאַשטאַב ספּעציעלע וווינונגס־קוואַרטאַלן — געטאָ׳ס — פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

4 אַ פּ ר י ל: היינט בין איך אויפגעשטאַנען פריער, ווייל איך האָב באַדאַרפט גיין קיין קעלץ. נאָכן פרישטיק בין איך אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. עס איז מיר געווען אומעטיק צו גיין אַליין מיט די פעלד־וועגן. נאָך א פיר שעה בין איך אַריינגעקומען קיין קעלץ. ווען איך בין אַריינגעקומען צום פעטער, האָב איך דערזען, אַז אַלע זיצן פאַראומערט און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מע זעצט אַרויס די יידן פון פאַרשי־דענע גאַסן און איך בין אויך געוואָרן אומעטיק. פאַרנאַכט בין איך אַרויס אין גאַס עפּעס צו דערליידיקן.

5 אַ פּ ר י ל: אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן, עפּעס מאָדנע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ. נאָכן פרישטיק בין איך געגאַנגען אַהיים.

12 אַ פּ ר י ל: דער טאַטע האָט מיר דערלויבט זיך צו לערנען פאָרן אויף אַ ראָווער. בין איך אַוועק צו אַ ייִנגל,

וואָס האָט א ראָווער ער זאָל מיך לערנען פאָרן, ער איז דערויף איינגעגאַנגען.

20 אַפריל: היינט בין איך אויך געפאָרן אויפן ראָווער, איך קען זיך שוין אַליין אויפזעצן אויפן ראָווער. מער האָט ער מיך שוין נישט געוואָלט לערנען.

14 מאַי: שוין די צווייטע וואָך אַז עס האַלט אין איין פאַלן א רעגן. איך האָב אַפילו נישט וואָס אַריינצושרייבן אין מיין טאָג־בוך.

28 מאַי: היינט בין איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געגאַנגען מיטן ברודער קלייבן שוואָמען„ כאָטש מיר האָבן דעם וועג נישט געקענט. כאָטש מיר זענען דאָס ערשטע מאָל געווען קלייבן שוואָמען, האָבן מיר פונדעסטוועגן געפונען עטלעכע צענדליק שניאַקעס, ווייל אמתע שוואָמען זענען נאָך אינגאַנצן נישטאָ.

9 יוני: היינט זענען פאָרגעקומען איבונגען פון דייטשישן מיליטער. דאָס גאַנצע מיליטער האָט זיך צעשפרייט איבער די פעלדער, זיי האָבן פאַנאַדערגעשטעלט מאַשינביקסן און געשאָסן צו זיך.

18 יוני: די פאָליציי האָט געמאַכט ביי אונדז א רעוויזיע וועגן עפעס מיליטערישע זאַכן. די פאָליציאַנטן האָבן זיך געפרעגט ביי מיר, ווו עס געפינען זיך די דאָזיקע זאַכן, און איך האָב כסדר געענטפערט, אַז ס'איז נישטאָ און שוין. זיי האָבן זיי בכן נישט געפונען. און אַוועקגעגאַנגען.

30 יוני: איך פיל זיך עפּעס שוואַך, איך האָב אַ ביסל היץ. די מאַמע האָט מיר געהייסן זיך לייגן אין בעט, נאָר איך האָב נישט געוואָלט, דערנאָך האָב איך זיך געלייגט. איך האָב באַקומען אַ גריפּע, איך האָב שוין נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן, איך האָב נאָר געגעסן אַ ביסל קאַשע־קליי.

7 יולי: שוין אַ וואָך צייט, אַז איך קרענק, היינט פיל איך זיך אַ ביסל בעסער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער און געקוקט אויף די גרינע פעלדער. עס איז מיר געווען אָנגענעם צו קוקן, ווייל שוין אַ וואָך צייט, אַז איך האָב אַפילו נישט קיין קוק געטאָן דורכן פענצטער.

11 יולי: איך פיל זיך שוין געזונט. איך בין שוין אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די זון האָט געלויכטן און עס איז געווען הייס. דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען אויף דער גאַס, ווייל איך האָב אינגאַנצן נישט געקאָנט זיין אין שטוב.

16 יולי: פון טאָג צו טאָג ווער איך אַלץ פריילע־כער נאָך דער דאָזיקער קרענק. ווי די איצטיקע טעג ווערן אַלץ פרייליכער און זוניקער.

5 אויגוסט: נעכטן איז געקומען צו פאָרן דער ווערכטער פון דער גמינע צום סאָלטיס, אַז אַלע יידן מיט די משפחות זאָלן זיך גיין רעגיסטרירן אין דער גמינע. 7 גאַנצ־פרי זענען מיר שוין געווען אין גמינע. מיר זענען דאָרט גע־ווען עטלעכע שעה. ווייל די עלטערע האָבן אויסגעקליבן אַ ראַט פון עלטסטע יידן. דערנאָך זענען'מיר געגאַנגען אהיים.

די דאָזיקע רעגיסטראַציע האָט געהאַט אַ שייכות צו דער פּליכט, וועלכע מ'האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין עלטער פון 14 ביז 60 יאָר אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן פאַרן אָקופּאַנט. שוין דעם 28-טן נאָוועמבער 1939 האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האַנס פראַנק אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן שאַפן יודען-ראַטן, אָדער ווי דודל רופט זיי, ראַטן פון עלטסטע יידן. די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן אין אַלגעמיין זייער פלייסיק, ספּעציעל אין די גרויסע שטעט, דורכגעפירט די באַפעלן און פאַראָרדענונגען פון דער אָקופּאַציע-מאַכט. די וואַלן פון אַזאַ ראַט פאַר עטלעכע דערפער זענען דאָ פאַרגעקומען, ווי מען זעט, מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג צוליב די דאָרפישע באַדינגונגען.

12 אויגוסט: די גאַנצע צייט פון דער מלחמה לערן איך זיך אין דער היים. אַז איך דערמאָן זיך, ווי איך בין געגאַנגען אין שול, גלוסט זיך מיר וויינען. און היינט מוז איך זיין אין שטוב אין ערגעץ נישט אַרויסגיין. און אַז איך דערמאָן זיך, וואָס פאַר אַ מלחמות עס קומען פאָר אויף דער וועלט, וויפל מענטשן עס פאַלן פון קוילן, פון גאַז, פון באָמבעס, פון עפּידעמיעס און פון אַנדערע שונאים פון די מענטשן, איז פאַרליר איך דעם ווילן צו אַלץ.

18 אויגוסט: דער יידישער רויטער קרייץ האָט איבערגעפירט פון באָדזענטין עטלעכע קראַנקע (און דאָס זענען קראַנקע אויף אַן אַנשטעקנדיקער קרענק) קיין קעלץ אין שפּיטאָל אַריין.

1 סעפּטעמבער: היינט איז דער ערשטער יאָרטאָג זינט עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. איך דערמאָן זיך, וואָס מיר האָבן שוין איבערגעלעבט פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט, וויפל ליידן מיר האָבן איבערגעלעבט. פאַר דער

מלחמה האָט יעדער געהאַט זיין אַרבעט, כמעט קיינער איז נישט געווען אַרבעטלאָז. און אין די היינטיקע מלחמות זענען 90 פּראָצענט אַרבעטלאָז און נאָר 10 פּראָצענט וואָס האָבן אַרבעט. פּונקט ווי מיר האָבן געהאַט א מילכיקעריי, איז היינט זענען מיר אינגאַנצן אַרבעטלאָז. נאָר עס זענען נאָך פאַרבליבן א ביסל זאַפּאַסן פון פאַר דער מלחמה, איז שעפּט מען נאָך פון זיי, אָבער זיי ענדיקן זיך דאָך שוין, איז נישט באַוווּסט וואָס מיר וועלן טאָן.

13 דעצעמבער: דער סאָלטיס האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די וווינונג, ווייל ער וועט אָנשיטן אין דער וווינונג די קאָנטינגענט־קאַרטאָפל. דער טאַטע האָט דעם סאָלטיס קוים איינגעבעטן, אַז די מענטשן זאָלן די קאַרטאָפל פירן דאָרט, וו עס איז אַמאָל געווען די מילכיקעריי.

14 דעצעמבער: היינט האָט מען אָנגעהויבן פירן די קאַרטאָפל. עס זענען היינט צונויפגעפירט געוואָרן ביי א 20 קווינטאַל.

16 דעצעמבער: היינט האָבן די פּויערים א גאַנצן טאָג געפירט די קאָנטינגענט־קאַרטאָפל.

28 דעצעמבער: עס האָט זיך ערשט דער ווינטער אָנגעהויבן, און שוין עטלעכע טעג, אַז ס׳איז א זאַווערוכע. מען קאָן אַפילו אויפן הויף נישט אַרויסגיין. אַזוי ציפּט דער פראָסט אין פּנים און אין די הענט.

דאָס יאָר 1941

21 מערץ: אַן אַנדער יאָר אין דער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די אַרבעטן אין פעלד. און היינט איז נאָך ווינטער, ווי ס'זאָל זיין יאַנואַר, נישט מערץ. די פרעסט זע- נען גרויסע און די זאַווערוכעס.

24 מערץ: היינט איז א ביסל וואַרעמער. עס איז דורכגעפאָרן דייטשיש מיליטער. צוממייסטן איז געווען קאַ- וואַלעריע. איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און זיך צוגע- קוקט צום פאָרנדיקן מיליטער. עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן דרייען אין קאָפּ פון די פאָרנדיקע טאַבאָרן און קאַוואַלעריע. עס איז אויך געגאַנגען שווערע אַרטילעריע. עס איז מיר גע- ווען אָנגענעם צו קוקן אויף דעם גייענדיקן מיליטער, ווייל פאַרביי אונדז גייט זעלטן ווען אדורך מיליטער.

1 אַפּריל: אַרום 10 אַזייגער אינדערפרי איז דורכ- געגאַנגען א ייד פון קעלץ און געזאָגט, אַז פון היינט אָן וועט אין קעלץ זיין א באַזונדערער יידישער קוואַרטאַל. איך האָב זיך אַזוי איבערגענומען מיט דער דאָזיקער פריקרער ידיעה, אַז א גאַנצן טאָג האָב איך נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אַפילו דעם זעלבן טאָג זענען די יידן, וועלכע האָבן א וועלכע ס'איז משפחה אויסער דעם קוואַרטאַל, אַוועקגע- פאָרן פון קעלץ און געפאָרן צו זייערע משפחות. מיר ווידער האָבן כמעט די גאַנצע משפחה אין קעלץ, וואָס וועלן זיי איצט אָנהייבן צו טאָן? און א יקרות וועט דאָך זיין א געוואַלדיקער,

ווי אין די אַנדערע שטעט, ווו עס זענען פאַראַן קוואַרטאַלן. דער פעטער איז היינט געקומען פון קעלץ זיך אָן עצה האַלטן, וואָס ער האָט צו טאָן. דער טאַטעשי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל דערווייל קומען צו אונדז. וואָס מיר וועלן טאָן, וועט ער אויך. איז ער אַוועק באַשטעלן א פור אויף מאָרגן.

דער סטאַראָסטע (שטאָדטהויפטמאַן) פון קעלץ, האַנס דרעשעל, האָט ווירקלעך דעם 31 מערץ 1941 אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אויפן סמך פון דער אַלגעמיינער פאַראָרדענונג פון גובערנאַטאָר פון ראַדאָמער דיס־טריקט אין דער פראַגע — וועגן שאַפן אַ געטאָ אין דער שטאָט. אין פערטן פונקט פון דרעשעלס פאַראָרדענונג לייענען מיר: „די יידן וועלכע וווינען נאָך אויסער דעם יידישן וווינונגס־קוואַרטאַל מוזן זיך איבער־טראָגן ביז שבת, דעם 5־טן אַפּריל, 12 בייטאָג אין דעם יידישן וווינונגס־קוואַרטאַל“. אין פינפטן פונקט ווידער איז פאַראַן אַ וואָרענונג, אַז „די יידן, וועלכע וועלן זיך נישט איבערטראָגן צום באַשטימטן טערמין אין יידישן וווינונגס־קוואַרטאַל, וועלן מיט צוואַנג אַרויסגעשיקט ווערן פון דער שטאָט קעלץ. עס וועט זיי נישט דערלויבט זיין בעת דער דאָזיקער צוואַנגס־איבערזידלונג מיטנעמען מיט זיך נישט קיין מעבל, נישט קיין סחורה־זאַפּאַסן אדגל.“

2 אַפּריל: גאַנצפרי איז דער פעטער אַוועקגעפאָרן נאָך די זאַכן, וועלכע זענען אין קעלץ. א גאַנצן טאָג האָבן גע־האַלטן אין איין פאָרן וואָגנס מיט זאַכן. די, וואָס פאָרן מיט די דאָזיקע זאַכן זענען פאַרוויינט און גלייכגילטיק צו אַלץ. דער פעטער האָט געזאָלט קומען אַרום דריי אַזייגער נאָכמי־טאָג. און דאָ איז שוין אָוונט און אים זעט מען נישט פון קעלץ. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס צו טראַכטן, וואָס איז דאָרט געשען. א גאַנצן אָוונט האָבן מיר געוואַרט אויף זיי, ערשט 2 אַזייגער ביינאַכט זענען זיי געקומען צו פאָרן.

3 אַפּריל: היינט זענען אויך געקומען א סך פורן מיט זאכן. אין אָוונט, ווען מיר זענען געזעסן און געשמועסט מיטן פעטער, איז געקומען דער צווייטער פעטער, איך האָב זיך פאַרטראַכט, ווו וועלן זיי ביי אונדז זיין.

4 אַפּריל: דער פעטער, וואָס איז נעכטן געקומען צו פאָרן, איז היינט אַוועקגעפאָרן קיין בענטשקאָוו, ווייל ער איז א שניידער און ער האָט דאָרט געאַרבעט.

5 אַפּריל: מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער פע־טער, ווען ער איז געקומען קיין בענטשקאָוו, האָט זיך באַ־טראַכט און צוריקגעפאָרן קיין קעלץ אין דעם קוואַרטאַל. מיר האָבן געהאַט זייער א סך עגמת־נפש צוליב דעם, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז ער וועט דאָרט נישט האָבן וואָס צו עסן. אַז ער האָט געאַרבעט, איז ער דורכגעקומען. און איצט זענען דאָ אַזויפיל מענטשן, ווי ער. דער טערמין פון אַריבער־פאָרן איז געווען בלויז פון 1־טן אַפּריל ביז היינט, ביז 12 נאָכמיטאָג.

23 אַפּריל: עס איז געקומען צו אונדז א יינגל, וואָס איז אַרויס פון דעם קוואַרטאַל. ער האָט דערציילט, אַז 2 קי־לאָ ראַזעווע ברויט קאָסט 11 זלאָטעס, 1 קילאָ קאַרטאָפל קאָסט אַנדערטהאַלבן זלאָטעס א.א.וו. איך האָב א טראַכט געטאָן, וויפל מענטשן שטאַרבן פון הונגער, וויפל מענטשן עסן קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַנדערע זאכן, וואָס רופן אַרויס פאַרשידענע קרענק. פון אַזאַ עסן שאַפן זיך אַלערליי קרענק, פון וועלכע הונדערטער מענטשן שטאַרבן.

14 מ אַ י: עס איז שוין היינט העלפט מאַי, און די פרילינגס־אַרבעטן האָבן זיך נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן. פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ טייערער, נאָר וואָס האָט ברויט גע־קאָסט 5 זלאָטעס, און איצט קאָסט שוין 10 זלאָטעס; אַלץ ווערט אַזוי טייער, אַז פאַר געלט קאָן מען גאָרנישט קריגן. דאָס וועט זיין די צווייטע מלחמה.

25 מ אַ י: שוין א וואָך צייט, אַז ס'איז וואַרעם. די אַרבעטן אין פעלד ענדיקן זיך שוין. נאָר די שפּייז־פּראָדוקטן זענען אַזוי שרעקלעך טייער. הונדערטער מענטשן שטאַרבן פון הונגער און טויזנטער זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויפן ערשטן מאָלצייט. כמעט יעדן טאָג קומען אָן בריוו, מע זאָל דעם אָדער יענעם צושיקן שפּייז — מיר קאָנען דאָך פאַר זיך נישט קויפן קיין ביסל שפּייז.

12 י ו נ י: היינט איז געקומען די זשאַנדאַרמעריע צו איינעם אַ רייכן פויער אויף אַ רעוויזיע, ווייל עמעצער האָט אים געמסרט. מע האָט צוגענומען ביי דעם פויער 2 קווינטאַל ווייץ, 1½ קווינטאַל קאָרן, 5 קווינטאַל קאַרטאָפל און 2 קווינ־טאַל האָבער און ער האָט געמוזט דאָס אַלץ אָפּפירן קיין ביע־ליני. אים האָט מען אַריינגעזעצט אין אַרעסט, ווייל ער האָט די תבואה טייער פאַרקויפט.

13 י ו נ י: היינט איז אויך געווען די זשאַנדאַרמעריע צו מאַכן רעוויזיעס ביי די רייכע פויערים.

14 י ו נ י: נאָכן מיטאָג זיצנדיק ביים טיש האָב איך דערזען, ווי די בריטשקע מיט דער זשאַנדאַרמעריע איז פאַר־

פאַרן לעבן אונדז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעגאַנ־גען, גלייך האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן די רעוויזיע, ווען זיי האָבן דורכגעזוכט יעדעם ווינקל האָבן זיי געזאָגט, אַז דער טאַטעשי זאָל קומען צו זיי דעם 16־טן. מיר האָבן אינגאַנצן נישט געוווּסט וואָס זיי האָבן געזוכט.

16 יוני: גאַנצפרי איז דער טאַטעשי אַוועק אין דער זשאַנדאַרמעריע, די מאַמע איז אויך געגאַנגען מיטן טאַטן. ווען דער טאַטע איז אַרויס פון שטוב, זענען מיר גע־ווען זייער פאַראומערט, עטלעכע שעה האָב איך אַרויסגע־קוקט דורכן פענצטער און געטראַכט אפשר וועלן זיי אָנקו־מען, און דאָ איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, און מען זעט זיי נישט. איך האָב דורכגעטראַכט פאַרשידנס, צי האָט מען זיי אַרעסטירט, צי די דאָזיקע זשאַנדאַרן זענען נישטאָ. איך האָב שוין אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. איך האָב גענומען מיינע טרעפּעס און אַוועק צום שוסטער ער זאָל מיר צוקלאַפּן צו זיי לעדערלעך. זיצנדיק ביים שוסטער ווייל איך האָב געוואַרט אויף די טרעפּעס, איז געקומען צו לויפן אַ ייִנגל פון ביעליני און אָפּגעטרעטן ביי דעם דאָזיקן שוסטער ווייל ייִר האָט נישט געוווּסט ווו מיר וווינען און געזאָגט אַז דער פעטער זאָל גיין אין דער זשאַנדאַרמעריע זאָגן ווועמענס קאָרן דאָס איז געווען ווייל דעם טאַטן האָט מען דערווייל אַרעס־טירט. אין איין אויגנבליק זענען מיר געלאָפן אַהיים מיט דער דאָזיקער טרויעריקער ידיעה. דער פעטער איז גלייך אַוועק אין דער זשאַנדאַרמעריע, די מומע איז אויך מיט אים גע־גאַנגען. און מיר קינדער זענען פאַרבליבן אַליין בלויז מיט

דער באַבען. קיין אָוונט-ברויט האָבן מיר שוין אינגאַנצן נישט געגעסן, אַזייגער 12 האָב איך זיך געלייגט שלאָפן.

17 יוני: פון פּאָלודניאָווי איז געקומען צו אונדז זלמן, מיר זענען געווען זייער נייגעריק צוליב וואָס ער איז געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז פון ביעליני איז עמעצער גע-קומען צו פאָרן אויף א ראָווער און געוואָרנט אַז מע זאָל אָפּרוימען די בעסערע וועש און אַנצוגן, ווייל די זשאַנדאַר-מעריע דאַרף נאָך דאָ זיין. נאָך אין זיין אָנוועזנהייט האָבן מיר אויפגערוימט די בעסערע זאַכן. איך בין אַרויסגעגאַנגען עטלעכע מאָל קוקן צי זיי פאָרן נאָך נישט, אָבער מען האָט זיי נישט געזען. אין דאָרף האָט געהערשט אַ שרעקלעכע פּאַניק, ווי עס זאָלן דאַרפן אָנפאָרן באַנדיטן. אין דעם זענען זיי אָנגע-קומען, צוערשט האָבן זיי געמאַכט אַ רעוויזיע ביי איינעם א פויער און אָפּגעפאָרן. ווען זיי זענען שוין געווען נאָענט פון אונדז האָב איך געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט מיר אַרויס-שפּרונגען, אַזוי האָט עס מיר געקלאַפּט, נאָר דאַנקען גאָט, וואָס די זשאַנדאַרמעריע איז צו אונדז נישט אַריין, ווייל זיכער האָבן זיי ביי אונדז באַדאַרפט זיין. אָבער איך האָב גע-זאָגט, אַז זיי וועלן פאָרן צוריק וועלן זיי אַריינקומען. מיר זענען געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז מיר האָבן נישט גע-ווּסט וואָס מיט אונדז טוט זיך. ווען די זשאַנדאַרמעריע איז געפאָרן צוריק, איז זי אויך נישט אַריינגעקומען. איך בין גלייך געגאַנגען נאָך זיי צי זיי טרעטן ערגעץ אָפּ. זיי זענען אַריין צו די ווו זיי זענען געווען גאַנץ פרי. צי זיי האָבן עפּעס רע-קווירירט דאָס קאָן איך נישט זאָגן ווייל איך ווייס נישט. איך

בין באַלד אַוועק צום קוזין ער זאָל אויפֿן ראָוועד פֿאָרן קיין ביעליני און זיי אַוועקפֿירן עפּעס עסן, ווייל זיי האָבן נישט געגומען מיט זיך אויף אַזאַ לאַנגער צייט. אין עטלעכע מי־נוט אַרום האָב איך געבראַכט א פּעקל און ער איז גלייך אָפּ־געפֿאָרן. ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך עפּעס־וואָס אָפּגעגעסן און דער ברודער האָט אַרויסגעפֿירט די קו. דער ברודער האָט אינגאַנצן נישט געקאָנט עסן. איך בין אַוועק צום ברודער, ער זאָל גיין עסן. פֿאַשענדיק די קו איז צו מיר געקומען צו לויפֿן די שוועסטער און געזאָגט, אַז אַלע גייען שוין. איך האָב זיך זייער דערפֿרייט ווען זי האָט דאָס מיר געזאָגט. דער קוזין איז שוין געקומען צו פֿאָרן, ווייל ער האָט זיי געטראָפֿן אויפֿן וועג. איך בין באַלד געלאָפֿן אַהיים צי זיי זענען שוין געקומען. אין א וועלכע ס'איז האַלבע שעה זענען זיי געקומען. מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר א פֿרייד ער האָט געהערשט אין שטוב ווען מיר האָבן זיך דערזען. דער טאַטעשי האָט דערציילט, ווי זיי איז געווען אין אַרעסט, ווע־האָט צוגעטראָגן עסן, געגוג, אַז ער האָט אונדז אַלץ אויסדער־ציילט פּינקטלעך.

18 יוני: נעכטן האָב איך פֿאַרגעסן צוצושרייבן, אַז ווען זלמן איז צו אונדז געקומען האָט ער געזאָגט, אַז מע האָט אַלעמען אַרעסטירט, נאָר דאַנקען גאָט, וואָס זיי זע־נען שוין צוריקגעקומען. נאָך דעם נעכטיקן פֿיל איך מיך ווי געשטאַרקט. פֿאַר די עטלעכע טעג האָב איך פֿאַרלוירן אַזוי־פֿיל כוחות, אַז אין דריי חדשים ווייס איך נישט צי זיי וועלן מיר צוריקקומען.

20 יוני: מיר האָבן זיך אויסגעקליבן אין וואַלד נאָך האָלץ. עס איז אונדז געווען אָנגענעם אין וואַלד, איך האָב געפונען 3 שוואָמען און יעדער פון אונדז האָט גענומען א בינטל האָלץ.

22 יוני: עס איז נאָך געווען פינצטער ווען דער טאַטעשי האָט אונדז אַלעמען אויפגעוועקט און געהייסן הערן וואָס פאַר א שרעקלעך געקנאַל עס דערטראָגט זיך פון צפון-מזרח. עס איז געווען אַזאַ קנאַלן, אַז די ערד האָט זיך אַזש געטרייסלט. דעם גאַנצן טאָג האָט זיך געהערט אַזאַ קנאַלן. אָונט-צו זענען אָנגעפאָרן יידן פון קעלץ האָבן זיי דערציילט, אַז רוסלאַנד האָט דערקלערט די דייטשן קריג. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען דעם געקנאַל פון גאַנצן טאָג.

24 יוני: אין מיטן פון שמועס האָבן מיר דערהערט א מין שוידערלעך ברומען פון אַעראָפּלאַנען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די קאַזאַרמעס אין ביקאָווצע זענען באָמבאַרדירט פון די אַעראָפּלאַנען וועלכע זענען נאָר וואָס געגאַנגען. איך האָב זיך נישט דערשראָקן נישט געקוקט אויף דעם שווערן געקנאַל פון די באָמבעס. די מומע האָט זיך זייער דערשראָקן.

26 יוני: די קנאַלן הערן זיך ווייטער, צייטנווייז ווערן זיי נאָך שטאַרקער. קיין רעגן פאַלט שוין נישט צוויי וואָכן אויב עס וועט נאָך דויערן אַזוי 2 טעג וועט אַלץ ווערן פאַרוועלקט. עס איז שוין זייער טרוקן, מיטן שאָסיי קאָן מען אינגאַנצן נישט גיין אַזוי שטיקט און ברענט דער זאַמד.

29 י ו נ י: היינט האָבן ווי עס איז זיך אויפגעהערט צו הערן די שאָסן, בלויז פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך א דונער. פון צפון קומט אָן א וואָלקן, פון וועלכן עס דאַרף א גאָס טאָן א רעגן. נאָך וועלכן עס לעכצן אַזוי די מענטשן און אַלערליי געוויקסן וואָס לעבן נאָר. דער וואָלקן איז אָנגעקומען און עס האָט א גאָס געטאָן דער באַגערטער רעגן. ער איז געפאַלן איבער א שעה און דאָס איז א ביסל צו ווייניק פאַר דער דורשטיקער ערד.

3 י ו ל י: איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט איינעם א יינגל מיר זאָלן גיין אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ. נאָכן מיטאָג זענען מיר געגאַנגען אין וואַלד אַריין. אין וואַלד קלייבנדיק דאָס האָלץ האָבן מיר דערזען אַ פוקס, מיר האָבן זיך א ביסל איבערגעשראָקן אָבער דער פוקס האָט זיך פאַר אונדז דערשראָקן און אַנטלאָפן, מיר האָבן ווייטער געקליבן האָלץ.

10 י ו ל י: עס איז אָנגעקומען זייער א שווערע צייט. עס איז שווער דורכצולעבן יעדע שעה. מיר האָבן שטענדיק געהאַט א ביסל שפּייז־זאַפּאַסן כאָטש אויף א חודש, און איצט איז שווער צו קויפן שפּייז אויף איין טאָג. עס איז נישטאָ דער טאָג עמעצער זאָל נישט קומען בעטלען, ווער נאָר עס קומט וויל נישט גאָרנישט נאָר עפּעס אָפּצועסן, וואָס איז איצט צום שווערסטן.

11 יולי: די יינגלעך גייענדיק אין וואַלד נאָך יאַגדעס, האָבן אויך אונדז מיטגערופן. מיר האָבן גענומען כלים אויף יאַגדעס. צום ערשטן מאָל גייען מיר היינטיקן זומער אין

וואַלד. ווי נאָר מיר זענען געקומען אין וואַלד האָבן מיר גלייך אָנגעהויבן קלייבן די יאַגדעס. ס׳איז זייער גוט צו קלייבן יאַגדעס, בלויז די קאָמאַרעס און זשוקעס בייסן. מיר האָבן אָנגעקליבן פולע כלים און געגאַנגען אַהיים. 5 ליטער יאַגדעס האָבן מיר עס אָנגעקליבן אויף א גוטן אָנהייב.

14 יולי: היינט זענען דורכגעפאָרן צוויי אויטאָס מיט דייטשישער זשאַנדאַרמעריע פון קעלין. מיר האָבן געשמועסט, אַז זיי פאָרן קיין באָדזענטין צו מאַכן רעוויזיעס. ווען זיי זענען שוין געווען דורכגעפאָרן איז באַלד געקומען צו פאָרן דער פעטער נאָר ער האָט גאָרנישט געוווסט ווייל זיי האָבן אים געמיטן אין וועג, און געזאָגט האָט ער, אַז זיין זון וועט צוריקקערן וועט ער אָוונט-צו קומען זאָגן ווו זיי זענען געפאָרן. נאָך מיטאָג איז ער געקומען און געזאָגט, אַז זיי זענען געפאָרן הינטער באָדזענטין אין איינעם א דאָרף ווייל די פויערים האָבן נישט צוגעשטעלט דעם קאָנטינגענט פי, האָבן זיי פאַרנומען א סך בהמות.

16 יולי: היינט האָט מיט אונדז פאַסירט א שיינע זאַך אין וואַלד. באַלד אינדערפרי זענען מיר אַוועק נאָך יאַגדעס, מיר האָבן צונויפגעקליבן זייער א סך, מיר האָבן שוין געהאַט א האַלבע כלי ווי ס׳האָט זיך געמאַכט אַזאַ נעפּל אין וואַלד און ס׳האָט אָנגעהויבן פאַלן א רעגן און גלייך זענען מיר אַנטלאָפן אַהיים. איידער מיר זענען אַרויס פון וואַלד זענען מיר געוואָרן דורכגענעצט. ווען מיר זענען געקומען אַהיים האָבן מיר זיך איבערגעטאָן.

17 יולי: שטייענדיק אין הויף האָב איך באַמערקט, אַז עס פאָרט אויף אַ ראָוועד עפּעס אַ פּריילן און אַז זי האָט פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט. צוקומענדיק צום אָרט ווו דער וועג פאַרקערעוועט איז זי אומגעפאַלן און אָנגעהויבן זייער צו שרייען. דער טאַטעשי איז גלייך צוגעגאַנגען און זי אויפגעהויבן פון אונטער דעם ראָוועד. זי האָט זיך פאַרוואונדעט די קני אַזש ביז דעם סאַמע ביין, זי האָט געפערלעך געשריגן פון ווייטיק. די מאַמעשי האָט איר גלייך פאַרבאַנדאַזשירט און זי איז נאָך געזעסן עטלעכע מינוט. באַלד איז געקומען דער באַלעבאָס פון ראָוועד און האָט זי פאַרנומען אויפן ראָוועד צו זיך.

18 יולי: די פריילן וואָס האָט זיך נעכטן פאַרוואונדעט דעם פוס, האָט מען היינט אָפּגעפירט קיין קעלץ אין שפּיטאָל אַריין, ווייל מע האָט זי ערשט היינט אָפּגעפירט קיין באָדזענטין און גלייך האָט מען זי אָפּגעפירט קיין קעלץ.

22 יולי: דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן וואָלקענען פון אינדערפרי, ארום מיטאָג-צייט איז אָנגעקומען אַ כמאַרע מיט שרעקלעכע בליצן. יעדעס מאָל ווען ס'האָט אַ דונער געטאָן האָט די ערד געציטערט. אין דעם איז אָנגעלאָפן עפּעס אַ מיידל און זאָגט, אַז אַ קו איז געוואָרן דערשלאָגן דורך אַ דונער און אַז דער טאַטעשי זאָל זי גיין באַקוקן אָבער דער טאַטעשי איז נישטאָ, געגאַנגען. ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט זענען מיר געגאַנגען צו דעם דאָזיקן באַלעבאָס.

2

Pamiętnik Rubinowicz

NAZWA PRZEDMIOTU

Nazwisko Rubinowicz D

Imię Rubinowicz D

Klasa ...... Rok nauki ......

Rok szk. ..../....

ZŁÓŻ GROSZ NA BUDOWĘ SZKÓŁ POWSZECHNYCH

30 יולי: טרייבנדיק די קו פון פעלד האָב איך דער־זען, אַז עס שטייט עפּעס אַ לאַסט־אויטאָ לעבן דעם קבר פון אַ דייטש. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז מע פאַרריכט. ווען איך בין צוגעגאַנגען נעענטער האָב איך דערזען, אַז מע נעמט אַרויס די ביינער פון דעם דאָזיקן דייטש, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אין אָנהייב פון דער מלחמה. איך האָב געזען אַלע טיילן פון קערפּער, דעם קאָפּ באַזונדער, די הענט באַזונדער, דעם גוף באַזונדער און די פיס. קיין לייב איז אינגאַנצן נישט געווען. ס'האָט זיך גאָרנישט געפילט ווייל מ'האָט באַגאָסן מיט עפּעס אַ פליסיקייט. אויף דעם אויטאָ זענען שוין געווען צוויי אָנגעפילטע טרומנעס, אויסער דעם, זענען נאָך געווען אַ סך ליידיקע טרומנעס. די גרוב האָט מען צוריק פאַרשיט און דאָס אָרט האָט מען באַשיט מיט עפּעס אַ פּראָשעק.

4 אויגוסט: פון סאַמע אינדערפרי האָט די זון שרעקלעך געבראָטן. גייענדיק אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ, האָבן מיר נישט געקאָנט קומען צוריק אַזוי דושנע איז געווען. נאָך מיטאָג זענען אָנגעקומען צוויי וואָלקנס איינער פון צפון־מזרח, דער צווייטער פון דרום־מערב, און ביידע זענען געגאַנגען איינער קעגן צווייטן. אָוונט־צו זענען ביידע וואָלקנס זיך צונויפגעגאַנגען און ס'האָט זיך געמאַכט אַ שרעקלעכער שלאַקסרעגן מיט מאַראַדיקע דונערס. ס'איז קיין מינוט נישט אַדורך, עס זאָל עטלעכע מאָל נישט בליצן. אין שטוב איז געווען אַזוי ליכטיק ווי בייטאָג, אַז ס'האָט אַ דונער געטאָן האָט די ערד געציטערט. מיר האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שוין דער סוף פון דער וועלט. דאָס וואַסער האָט צוגעדעקט אַלע פעל־

דער, וואָס ס׳האָט זיך געפונען אויפן וועג דאָס אַלץ איז אַוועק־געשווומען מיטן וואַסער. דער פעטער איז אַרויסגעגאַנגען עטלעכע מאָל אין דרויסן, האָט ער געזאָגט, אַז די וואָלקנס פון צפון זענען שרעקלעך רויט און מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָס איז. דערווייל שטיי איך אַזוי ביים פענצטער און זע, אַז ערגעץ ברענט. מיר זענען גלייך אַרויסגעגאַנגען און נישט ווייט פון אונדז האָט געברענט. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ פּאַניק נאָר קיינער איז צו דער שׂרפה נישט געגאַנגען ווייל די דונערס האָבן נישט אויפגעהערט זיי האָבן זיך נאָך פאַר־שטאַרקט. די שׂרפה האָט גלייך אויפגעהערט ווייל דער שלאַקסרעגן האָט פאַרגאָסן דאָס פייער. דער דאָזיקער שרעק־לעכער שטורעם האָט געדויערט 2½ שעה, דערנאָך איז די כמאַרע אַוועק אויף צפון־זייט.

5 אויגוסט: באַלד אינדערפרי בין איך געגאַנגען זען וועלכע שאָדנס האָט דאָס וואַסער אָנגעמאַכט בעת דעם נעכטיקן שטורעם. אומעטום איז אָן אַ שיר גריבער, אין פעלד איז נישטאָ — — — — — — — — — —

(אין דעם אָרט פעלט אַ גאַנץ זייטל און דאָס נעכסטע זייטל הייבט זיך אָן מיט דעם זילב קאַ — די ענדע פון אַן אומבאַשטימט פּויליש וואָרט).

...פאַרנאַכט האָבן מיר געלאָשן וואַפנע. איך מיטן וועכ־טער האָבן געטראָגן די וואַסער און דער צווייטער האָט די וואַפנע געמישט. אין אָוונט זענען מיר געגאַנגען אַהיים.

3 ס ע פּ ט ע מ ב ע ר: היינט איז געקומען צו פאַרך צו אונדז דער קאַמיסאַר מע זאָל מאָרגן קומען צו דער אַרבעט.

4 ס ע פּ ט ע מ ב ע ר: 8 אַזייגער בין איך אַוועק צו דער אַרבעט נישט בלויז איך בין געגאַנגען, עס זענען געגאַנגען נאָך עטלעכע יינגלעך. ווען מיר זענען געקומען האָט דער וועכטער געהייסן אַז איך און נאָך איין יינגל זאָלן דערלאַנגען שטיינער דעם מויערער. דאָס איז נישט געווען קיין שווערע אַרבעט, נאָר ס'איז מיר געוואָרן זייער נודנע ביי דער דאָזיקער אַרבעט. ווען מיר האָבן שוין באַדאַרפט אַוועקגיין האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט אַז מיר זאָלן דעם 7=טן קומען צו דער אַרבעט.

די אַלגעמיינע צוואַנגס=אַרבעט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין דער גענעראַל=גובערניע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער פאַראָרדענונג פון האַנס פראַנק פון 26=טן אָקטאָבער 1939. דער 2=טער אויספיר=באַשלוס פון העכסטן אָנפירער פון ס.ס. און פּאָליציי אין דער גענעראַל=גובערניע, פרידריך קריגער, פון 12=טן דעצעמבער 1939 האָט אויסגעברייטערט די פליכט פון דער צוואַנגס=אַרבעט פאַר יידן אויף דעם עלטער פון 12 ביז 60 יאָר, האָט פאָרמולירט דעם אופן פון רופן צו דער צוואַנגס=אַרבעט און די שטראָף=סאַנקציעס פאַר נישט אָפּהיטן די דאָזיקע פאָרשריפטן. דעריבער האָט דודל, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 27 יולי 1927, געמוזט אַרבעטן פאַר דעם אָקופּאַנט. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע הויפּטזעכלעך ביים אָפּרייניקן דעם שניי פון די וועגן און ביים רעמאָנטירן די געביידע פון גמינע=אַמט אין גורנע.

7 ס ע פּ ט ע מ ב ע ר: היינט זענען מיר אויך געגאַנגען צו דער אַרבעט. היינט זענען געקומען עטלעכע צענדליק מענטשן צו דער אַרבעט. עטלעכע מענטשן זענען אַוועק רייניקן און אויסווייסן דעם אַרעסט=הויז פון דער גמינע. איך בין

איך געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי. ווייל עס זענען געווען אַ סך מענטשן האָבן מיר געענדיקט אַלע אַרבעטן און אַוועק אַהיים.

16. סעפּטעמבער: פון סאַמע אינדערפרי איז אַ שיין וועטער. נאָכן מיטאָג זענען מיר געגאַנגען אין וואַלד נאָך האָלץ. אין וואַלד זוכנדיק האָלץ, האָב איך געפונען אַ מאַשינביקס. איך האָב זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז די פיס אונטער מיר האָבן זיך געטרייסלט.

21 סעפּטעמבער: אַ זשאַנדאַר פון ביעליני פּאַרנ־דיק קיין באָדזענטין אויף אַ מאָטאָציקל, איז געפאָרן אַזוי שנעל, אַז דער מאָטאָציקל איז אים קאַליע געוואָרן. ער האָט אים נישט געהאַט ווו איבערצולאָזן, האָט ער אים אַריינגע־פירט צו אונדז אין פירהויז. אין דעם זענען אָנגעפאָרן ייִדן פון באָדזענטין, דער זשאַנדאַר האָט זיי אָנגעהויבן לעגיטי־מירן, און איין ייִד האָט פון אים דערוויל לייטיש אַריינגע־כאַפּט. ער האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן צושיקן אַ מעכאַניק פון מאָטאָציקלען. 8 אַזייגער אָונט איז געקומען א מעכאַניק אויף א מאָטאָציקל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך מיט נייגעריקייט צוגעקוקט צו דעם אַלעמען. אַזוי־נער 12 האָבן זיי אים פאַרריכט. מעכאַניקער זענען געווען צוויי און זיי זענען אויף די מאָטאָציקלען אַוועקגעפאָרן קיין באָדזענטין, ווייל זיי האָבן באַדאַרפט צו פאַרענדיקן, און מאָרגן אָפּפירן קיין ביעליני.

7 אָקטאָבער: פאַבריקע וואָך האָט די פּאָליצי גע־פונען ביי צוויי פויערים א דערהרגעטן חזיר, און דאָס פלייש

האָבן זיי אָפּגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע. די פּאָליציי האָט געזאָגט זיי זאָלן זיך היינט שטעלן אין פּאָליציי־וואַך. איינער פון זיי האָט זיך געשטעלט און דער צווייטער איז נישט געגאַנגען, איז די פּאָליציי געקומען נאָך אים. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין שטוב האָבן זיי אים געטראָפן זיך אָנטאָן, און ער דערזעענדיק די פּאָליציי איז אַנטלאָפן. די פּאָליציי האָט אים אָנגעהויבן צו יאָגן, זעענדיק, אַז זיי וועלן אים נישט כאַפּן, האָבן זיי אָנגעהויבן אים נאָכשיסן און אים געטראָפן אין דער רעכטער ברוסט. ער איז נישט געוואָרן דערהרגעט אויף טויט. די פּאָליציי האָט גלייך טעלעפאָנירט קיין קעלץ נאָך אַן אויטאָ, אין עטלעכע מינוט איז דער אויטאָ געקומען צו פאָרן און אַוועקגעפירט אים אין שפּיטאָל. ביים טעלעפאָנירן האָט דער פּאָליציאַנט געריסן פון זיך די האָר פון קאָפּ, אַזוי האָט ער באַדויערט זיין טאַט.

12 אָקטאָבער: אינדערפרי איז אין אָנפאַנג געפאַלן א רעגן, אין א מינוט אַרום האָט דער רעגן זיך פאַרביטן אין א שניי־קאַשע. דער'נאָך ווען ס'האָט זיך געמאַכט א שניי־זאַווערוכע איז געווען אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין דרויסן. אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך געמאַכט א פראָסט און ס'האָט זיך געשטעלט אַן אמתער ווינטער. ס'איז היינט געווען ענלעך אויפן 12־טן יאַנואַר און נישט אויפן 12־טן אָקטאָבער.

13 אָקטאָבער: גאַנצפרי איז שוין געפאָרן א זשאַנדאַר אויף א מאָטאָציקל קיין באָדזענטין, פאָרנדיק האָט ער אָפּגעטרעטן ביי אונדז זיך אָנצוואַרעמען. זייענדיק אין שטוב

האָט דער זשאַנדאַר געזאָגט, אַז די יידן פון קראַינאַ זאָלן אים קויפן צוויי שאַפּענע פעלעכלעך אויף א פוטער. פאַרנדיק צוריק האָט ער אָפּגעטראָטן אין קראָם און אַריינגערופן די מאַמעשי זי זאָל אים איבערזעצן. ווען די מאַמעשי איז אַרויסגעגאַנגען פון קראָם האָט דער דאָזיקער זשאַנדאַר געגעבן דער מאַמעשי ¼ ליטער בראָנפן.

15 סעפּטעמבער: גאַנצפרי זענען מיר אַוועקגעגאַנגען דאַוונען קיין גורנאַ ווייל היינט איז יום-טוב. קומענדיק היין גורנאַ האָט מען אונדז געזאָגט אַז דייטשן זענען אין דאָרף. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי אַריינגעקומען און געזאָגט אַז די עלטערע זאָלן מיטגיין מיט זיי צו עפּעס אַן אַרבעט. זעענדיק אַז דייטשן גייען זענען עטלעכע מענטשן אַנטלאָפן הינטערן פּלויט, איינער אויפן בוידעם. ווען די דייטשן זענען אַרויס האָט עפּעס א פּרוי געזאָגט, אַז די מענער האָבן זיך באַהאַלטן. מיין פעטער, זעענדיק, אַז זיי זענען אַוועקגעגאַנגען איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב. ווען ער איז אַריין אין שטוב האָב איך באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט, האָב איך געזאָגט צום פעטער אַז ער זאָל אָנטאָן אַן אַנדער היטל און אַנדער רעקל וועלן זיי אים נישט דערקענען, ווייל זיי האָבן אים געזען ווי ער איז אַנטלאָפן. ווען די דייטשן זענען אריין צום צווייטן מאָל האָבן זיי דעם פעטער נישט דערקענט און זיך געפרעגט, ווו זענען די אַנדערע, זיי האָבן זיי געזוכט אָבער זיי האָבן קיינעם נישט געפונען, דעם טאַטעשי האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט, ווייל ער איז באַפרייט פון אַלע אַרבעטן. ווען זיי האָבן קיינעם נישט גע-

פונען האָבן זיי געזאָגט אַז יעדער איינער זאָל זיך גיין אַהיים ווייל קיין שום געבעט וועט דאָ נישט פאָרקומען. גייענדיק אַהיים, האָבן אונדז די מענטשן געזאָגט, אַז די זשאַנדאַר־מעריע גייט אַרום איבער קראַינא נאָכן קאָנטינגענט. זיי פאַר־נעמען די בהמות און די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן פאַרן קאָנטינגענט גאָרנישט געגעבן.

לויט מיר נאָך איז די פאַרצייכענונג געמאַכט געוואָרן נישט דעם 15־טן סעפּטעמבער נאָר דעם 15־טן אָקטאָבער 1941, ווייל דעם 14־טן אָקטאָבער (דינסטיק) איז אין 1941 אויסגעפאַלן שמחת־תורה. צו מאָרגנס, דעם 15 אָקטאָבער, האָט דודל פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך, אַז ער איז געקומען קיין גורנע דאַווענען, ווייל אין יום־טוב איז רעליגיעזע יידן פאַרווערט צו שרייבן. דעם 15־טן סעפּטעמבער 1941 איז נישט גע־ווען קיין יום־טוב־טאָג.

1 נאָוועמבער: היינט זענען געוואָרן אַרויסגע־האָנגען אין קעלץ מעלדונגען, אַז ווער עס וועט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין פון „יידישן קוואַרטאַל", דעם דראָט טויט־שטראָף. ווייל ביז דער צייט האָט מען געקאָנט אַרויסגיין און אַריינגיין אין דעם קוואַרטאַל. דאָס דאָזיקע נייעס האָט מיך זייער אומעטיק געמאַכט, נישט נאָר מיך נאָר יעדן איזראַ־עליט וואָס האָט דאָס געהערט. נישט בלויז אין קעלץ זענען געוואָרן אויסגעהאָנגען די מעלדונגען נאָר אין אַלע שטעט פון דער גענעראַל־גובערניע (אַזוי רופט זיך אָן א טייל פון גע־וועזענעם פוילן).

דעם 15־טן אָקטאָבער 1941 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וועלכע האָט פאַרווערט דער ייִדי־שער באַפעלקערונג אונטער טויט־שטראָף צו פאַרלאָזן דעם געטאָ. די

dzieli żeby każdy poszedł do domu bo żadnej modlitwy tu nie będzie.
Idąc do domu, to nam ludzie powiedzieli, że Żandarmerja chodzi w Kraju za kontygentem. Zabierają krowy i gospodarzy, którzy nie dali nic kontygenty
1 l i s t o p a d a. Dziś zostały wywieszone ogłoszenia w Kielcach, że kto wejdzie albo wyjdzie z „Dzielnicy Żydowskiej" to jest pod karą śmierci. Bo do tej pory to można było wyjść i wejść do dzielnicy. Bardzo mnie zasmuciła ta nowina, nie tylko mnie ale każdego Izraelita co to słyszał.

פאַראָרדענונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרפליכטן גלייך אין זעלבן טאָג פון איר פאַרעפנטלעכונג.

די פאַלן פון דערהרגענען יידן דורך דייטשישע זשאַנדאַרן, וועגן וועלכע עס גיט איבער ווייטער דודל, זענען טאַקע אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט דער אויבנדערמאַנטער פאַראָרדענונג, ווי אויך מיט די פּאָליצייאישע אויספיר־באַשלוסן, אַרויסגעגעבענע אין דער פראַגע דורך דער אָרטיקער אָקופּאַציע־מאַכט. בלויז אין סאַמע אָנהייב האָט מען א באַשטימטע טייל ענינים פון דער קאַטעגאָריע איבערגעשיקט קיין ראַדאָם אין זאָנדערגעריכט, וועלכער האָט איבעריקנס אַרויסגעגעבן אַלס כלל טויט־אורטיילן.

28 **נאָוועמבער**: נאָך מיטאָג איז געקומען צופאָרן דער בריוטרעגער און געבראַכט א פאַראָרדענונג מיט א שטראָף־מאַנדאַט צו באַצאָלן 150 זלאָטעס. פאַר דעם ווייל דעם 2/IX איז געקומען צו אונדז מאָלן אויף די זשאַרנעס א שכן א ייד און גלייך זענען געקומען דער סאָלטיס מיטן סעקרעטאַר פון דער גמינע און זיי האָבן צעהאַקט דעם זשאַרנעשטיין און זיי האָבן אָנגעשריבן א פּראָטאָקאָל, אַז ער איז פון קוואַרטאַל, און היינט איז אָנגעקומען צו באַצאָלן שטראָף.

5 **דעצעמבער**: היינט גייט אַרום דער סעקוועסטראַטאָר מיטן סאָלטיס און זיי זענען אָפּגעטרעטן ביי אונדז, און דער סאָלטיס האָט מיך אַוועקגעשיקט אין עפּעס א שליחות צו אַן אַנדערן סאָלטיס. גייענדיק צוריק האָב איך אָנגעטראָפן די שוועסטער, וועלכע איז ערגעץ געלאָפן, ווען איך האָב זי געפרעגט, ווו זי לויפט, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט לייען געלט ווייל ס׳איז ווידער אָנגעקומען צו באַצאָלן 154 זלאָטעס עפּעס א פאַרלעגנעם שטייער. קומענדיק אַהיים האָט זיך דער סאָלטיס געקריגט מיטן טאַטעשי, ווייל ער האָט געוואָלט אָנשרייבן א פּראָטאָקאָל, אַז מיר העלפן יידן פון

קוואַרטאַל, און דאָס איז אינגאַנצן נישט אמת. דערנאָך האָבן זיי זיך אויפגעהערט קריגן און זיי זענען צוריק געווען אין א גוטן הומאָר.

6 דעצעמבער: שפּעט אין אָוונט איז געקומען צו לויפן דאָס ייִנגל פון שוסטער אַז ס'איז געקומען צו זיי פּאָליציי דער סאָלטיס און דער קאָמיטעט פון קאָנטינגענט, אַז מע זאָל זיי געבן 150 זל אויב ער וועט נישט געבן וועט מען נעמען דעם פֿאָטער אין אַרעסט, איז זאָל דער טאַטעשי אָפּגעבן 100 זל. ווייל ער האָט ביי זיי געבאָרגט. דער טאַטעשי איז גלייך מיט אים אַוועקגעגאַנגען און געבעטן די פּאָליציי אַז דער באַלעבאָס פון די געלטער זאָל וואַרטן ביז דינסטיק און ער זאָל מסכים זיין דערויף, און דער טאַטע וועט אים ברענגען.

12 דעצעמבער: נעכטן נאָכמיטאָג האָב איך זיך געלאָזט קיין באָדזענטין ווייל איך מאַך מיר פּלאָנבעס און איך האָב געהאַט בדעה צו נעכטיקן. היינט מיטן פריען פרימאָרגן איז געקומען די זשאַנדאַרמעריע. ווען זיי זענען געפאָרן מיטן שאָסיי האָבן זיי אָנגעטראָפן איינעם א ייִדן גייענדיק הינטער דער שטאָט און זיי האָבן אים גלייך דערשאָסן אָן א שום סיבה, ווען זיי זענען אַזוי געפאָרן ווייטער האָבן זיי דערשאָסן נאָך איין ייִדישע פרוי ווידער אָן שום סיבה. אַזוי זענען געפאַלן 2 קרבנות אָן שום סיבה. גייענדיק אַהיים האָב איך זיך זייער געשראָקן איך זאָל זיך צומאָל מיט זיי נישט צונויפטרעפן, אָבער איך האָב זיך מיט קיינעם נישט געטראָפן.

21 g r u d n i a: Dziś poszedłem do Bodzętyna skończyć sobie te plomby i tak było lekarz dentysta mi je skończył dziś. Gdy przyszedłem do domu to tatusia nie było bo pojechał do Kielc po kontygentową mąkę dla Żydów z całej gminy. Późno w nocy tatus przyjechał nie z mąką bo koń ustał i zostawił ją u jednego gospodarza 8 km od nas, a jutro ją dopiero przywiezie.

22 g r u d n i a: Tatuś najął specjalną furmankę i przywiózł mąkę, a ja zrobiłem listę i zaczęliśmy rozdawać mąkę.

26 g r u d n i a: Tatuś się akurad ubierał gdy do niego przyszedł jakiś chłopak żeby poszedł do sklepu bo go żandarm woła a niewiadomo

13 דעצעמבער: היינט איזווידער די זשאַנדאַר־מעריע געפאָרן קיין באָדזענטין. דער פויער וואָס איז מיט זיי געפאָרן איז געווען פון קראַינאָ. ווען ער איז געקומען צו פאָרן האָט ער דערציילט, אַז היינט איז ווידער געפאַלן א קרבן פון זייערע הענט. מיר האָבן זיך זייער איבערגענומען מיט דער דאָזיקער ידיעה, ווייל ביז איצט איז נאָך נישט געווען אַזאַ פאַל.

21 דעצעמבער: היינט בין איך געגאַנגען קיין באָדזענטין צו פאַרענדיקן מיט די פלאָמבעס און אַזוי איז גע־ווען דער דענטיסט האָט זיי מיר היינט געענדיקט. ווען איך בין געקומען אַהיים איז דער טאַטעשי נישט געווען ווייל ער איז געפאָרן קיין קעלץ נאָך דעם קאָנטיגענט־מעל פאַר די יידן פון דער גאַנצער גמינע. שפּעט ביינאַכט איז דער טאַטעשי געקומען נישט מיט דעם מעל, ווייל דאָס פערד איז צוגעשטאַ־נען און ער האָט עס איבערגעלאָזט ביי א פויער 3 קילאָמע־טער פון אונדז, און ערשט מאָרגן וועט ער עס ברענגען צו פירן.

22 דעצעמבער: דער טאַטעשי האָט געדונגען א ספּעציעלע פור און געבראַכט דאָס מעל, און איך האָב גע־מאַכט א רשימה און מיר האָבן אָנגעהויבן פאַנאַדערצוגעבן דאָס מעל.

26 דעצעמבער: דער טאַטעשי האָט זיך גראָד אָנגעטאָן, ווען צו אים איז געקומען עפּעס א יינגל ער זאָל גיין אין קראָם ווייל אַ זשאַנדאַר רופט אים און ס'איז נישט באַ־

גווסט צוליב וואָס. דער טאַטעשי האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק אין קראָם. מיר ווידער האָבן זיך זייער שטאַרק איבערגעשראָקן, ווייל מיר האָבן נישט געוווסט צוליב וואָס ער רופט אים. אין דער איצטיקער צייט קאָן מען דאָך פאַר א ליאַדע וואָס אַרעסטירן. אין עטלעכע מינוט איז דער טאַטעשי געקומען, האָט ער געזאָגט, אַז ס'זאָלן קומען צו אים אין קראָם 5 יידן, און צוליב וואָס האָט ער נישט געזאָגט. איך בין גלייך אַוועק זיי מודיע זיין. ווען איך בין צו זיי געקומען האָט ראָם זיי אויך פאַראינטערעסירט צוליב וואָס דער דאָזיקער זשאַנדאַר רופט זיי. זיי זענען אַלע באַלד מיט מיר געגאַנגען אין דער קראָם. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן דעם טאַטן, דער טאַטעשי האָט געזאָגט אַז זיי קאָנען זיך שוין אומקערן אַהיים, ווייל ס'איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג די יידן זאָלן אָפגעבן אַלע פוטערס אפילו קליינע שטיקלעך. און די 5 יידן וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך אויב מע וועט נישט געבן. און ביי וועמען מע וועט טרעפן אָדער געפינען פוטער, וועט באַקומען טויטשטראָף, אַזוי שאַרף איז געוואָרן אַרויסגעגעבן די דאָזיקע פאַראָרדענונג. דער זשאַנדאַר האָט געגעבן אַ טערמין ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג אָפגעבן אַלע פוטערס. אין א קורצער צייט האָבן די יידן אָנגעהויבן טראָגן שטיקלעך און גאַנצע פוטערס. די מאַמעשי האָט גלייך צעטרענט דריי פוטערס און די קעלנער פון אַלע מאַנטלען. 4 אַזייגער איז דער זשאַנדאַר אַליין געקומען צו אונדז נאָך די פוטערס, האָט געהייסן דעם פוילישן פאָליציאַנט ער זאָל מאַכן א ליסטע פון די אָפגעגעבענע פוטערס וועלכע די יידן האָבן געבראַכט. דערנאָך האָבן מיר זיי

אריינגעלייגט אין צוויי זעק און צוויי יידן האָבן זיי אַפּגע־
טראָגן צו איינעם א פויער וואָס האָט זיי באַדאַרפט אָפּפירן
אויף דער פּאָליציי־וואַך קיין ביעליני. וועגן דער דאָזיקער פאַר־
אָרדענונג האָבן מיר זיך דערוווּסט נעכטן ווייל דער טאַטעשי־
איז געווען אין קעליץ האָט ער אונדז דערציילט, אַז די דאָזיקע
פאַראָרדענונג איז אין קעליץ געוואָרן אַרויסגעגעבן אייערנעכטן.

דעם 24 דעצעמבער 1941 האָט דער אָנפירער פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי און זיכערהייטס־דינסט אין דער גענעראַל־גובערניע, עבערהאַרד שיינגאַרט, אַרויסגעשיקט — אויף דער פאַראָרדענונג פון רייכספירער ה. הימלער — אַ באַפעל־דעפּעשע צו די אָנפירער פון ס.ס. און פּאָליציי אין אַלע פינף דיסטריקטן, זיי זאָלן ווי צום שנעלסטן דורכפירן אַ קאָנפיסקאַטע פון אַלערליי פוטער־אויסאַרבעטונגען ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם לעצטן טייל פון דעם דאָזיקן דאָקומענט לייענען מיר צווישן אַנדערן: „מע דאַרף דראָען די יודען־ראַטן, אַז זיי, ווי אויך די יידן, וועלכע וועלן נאָך דעם באַשטימטן טערמין האָבן אין זייער באַזיץ אַ פוטער צי אַ פעלץ, וועלן ווערן דערשאָסן. ווי באַוווּסט האָט זיך דאָס געענדיקט נישט בלויז אויף דראָונגען.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער מפּלה פון דייטשישן מיליטער אונטער מאָסקווע און מיט דעם איבערגאַנג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי דעם 6־טן דעצעמבער 1941 אין אַ קאָנטר־אָפענסיווע אויף דעם אָפשניט. דער באַנקראָט פון דער טעאָריע וועגן אַ בליץ־קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די פּערספּעקטיוו פון אַ לאַנגדויערנדיק פאַרבלייבן אין די באַדינגונגען פון רוסישן ווינטער זענען געלעגן אין יסוד פון אָט דער מאַסן־גזילה פון פוטער ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין אָקופּירטן פּוילן.

28 דעצעמבער: ס'האָט מיך אויפגעוועקט פון
שלאָף אַ קלאַפּן אין פענצטער, איך האָב זיך אָנגעטאָן און
אַרויסגעגאַנגען עפענען. דאָס זענען געווען 2 יידן פון באָדזענ־
טין וועלכע זענען געפאָרן קיין קעליץ און זיי זענען אַריינגע־
גאַנגען זיך אָנוואַרעמען. איך האָב זיך געפרעגט ביי זיי צי

ס׳איז נישט פֿאַראַן עפּעס נייעס, האָבן זיי מיר געענטפֿערט, אַז ס׳זענען ווידער דאָ 2 קרבנות וועלכע זענען געוואָרן דער־שאָסן אין ווייַנאַכט אויך אָן שום סיבה. אַזוי גייט נישט דורך קיין איין טאָג עס זאָל נישט זיין עפּעס א שלעכטע נייעס. זיי האָבן נאָך געזאָגט, אַז אין דאלעשיצי איז אויך עפּעס געשען, נאָר זיי ווייסן נישט וואָס. נאָכמיטאָג איז געקומען פֿון דאַ־לעשיצי דער סעקרעטאַר פֿון דעם ראַט פֿון די יודען־עלטסטע האָט ער דערציילט אַז 5 יידן זענען היינט געפֿאַלן אַלס קרבן פֿון די הענט פֿון אַ זשאַנדאַר, ווייל עמועצער האָט זיי געמסרט, אַז זיי האָבן אויסבאַהאַלטן פוטערס. דער זשאַנדאַר האָט זיי געהייסן באַגראָבן אין איין גרוב אויף זייער אייגענעם הויף, דאָס איז געווען א פֿאָטער, 3 זין און א טאָכטער. אין קעלין זענען פֿאַראַן עטלעכע קרבנות טעגלעך, צוליב דעם אַרויס־גיין פֿון יידישן קוואַרטאַל. אין אַזעלכע שווידערלעכע און שלעכטע באַדינגונגען גייען פֿאריבער טעג און וואָכן פֿול מיט אַנגסט און גרויל.

29 דעצעמבער: פֿאַר מיטאָג בין איך געגאַנגען מיטן ברודער צו א שכן אָפּמאָלן א ביסל ווייץ. בעתן מאָלן איז געקומען א פֿויער און דערציילט, אַז אין דאָרף גייט אַרום א קאָנטראָל פֿון אינווענטאַר, ווייל אין פֿאָריקן חודש האָט מען פֿאַרשריבן דעם אינווענטאַר און היינט אויב ביי עמיצן איז דאָ מער אינווענטאַר ווי מ׳האָט פֿאַרשריבן באַשטימט מען עס אויפֿן קאָנטינגענט, און די בעלי־חיים וואָס זענען פֿאַר־שריבן און זענען פֿאַרקויפֿט מאַכט מען אַ פּראָטאָקאָל. מיר זענען געווען זיכער, אַז אונדזער קו איז נישט פֿאַרשריבן,

האָבן מיר זי פֿאַרקויפֿט. און די קאָנטראָל איז צו אונדז געקו־
מען, ווייל זי איז געווען פֿאַרשריבן. ווען זיי האָבן זי נישט גע־
טראָפֿן האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען ווו איז די קו, ווייל
א קו טאָר מען נישט פֿאַרקויפֿן, דער טאַטעשי האָט זיך פֿאַר־
ענטפֿערט, אַז ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס, אַז יענץ, אָבער
עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן דעם טאַטנס פֿאַרענטפֿערונג אין
זיי האָבן שוין געזאָלט באַלד מאַכן א פּראָטאָקאָל. פֿאַרנאַכט
האָט דער סאָלטיס מיך געשיקט צו אים נאָך צוקער און איך
האָב אים גלייך געברענגט. אין אָוונט איז געקומען דער סאָל־
טיס און א רוף געטאָן דעם טאַטן, ווייל די דאָזיקע קאָנטראָ־
לערן רופֿן אים. ווען דער טאַטעשי איז אַרויסגעגאַנגען האָבן
זיי אים פֿאַרנומען אויף א שליטן און אַוועקגעפֿאָרן. מיר האָבן
נישט געוווסט ווהין מע פֿאַרנעמט אים און צוליב וואָס. די
מאַמעשי איז אַרויסגעגאַנגען אָבער זיי זענען שוין געהאַט אָפּ־
געפֿאָרן, די מאַמעשי און דער ברודער זענען נאָכגעלאָפֿן דער־
פֿור אָבער זיי האָבן זיי נישט געקאָנט דעריאָגן. אין שטוב איז
אַנטשטאַנען א מהומה, אָבער וואָס פֿאַר אן עצה האָבן מיר
זיך געקאָנט געבן. יעדע רגע בין איך אַרויסגעגאַנגען צי עס
גייט נישט עמעצער, נאָר קיינער איז נישט געגאַנגען, איין
מאָל אַרויסגייענדיק, האָב איך דערזען, אַז דער ברודער לויפֿט,
האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז מען האָט דעם טאַטעשי אָפּ־
געלאָזט. אין א פּאָר מינוט איז דער טאַטעשי געקומען, אויפֿן
וועג האָט דער סאָלטיס געהייסן דעם טאַטן שוין גיין אַהיים
נאָר די דאָזיקע קאָנטראָלערן האָבן נישט דערלויבט, ענדלעך
האָבן זיי אים שוין געהייסן גיין, האָט ער באַקומען נאָך עט־

ROK 1942 ROK.

8 stycznia. Po południu dowiedziałem się, że znowu w Bodzętynie jest 2 ofiary z pośród Żydów. Jeden odrazu na śmierć, a drugi ranny. Tego rannego to zaaresztowali i wzięli go ze sobą na posterunek do Bielin, a tam go dopiero zabili na śmierć.

11 stycznia. Od samego rana panuje zamieć śnieżna i duży mróz, dochodzi dziś do 26°C. Gdy się tak rozpatrywałem, jak wiatr hula po polach, to [illegible], że [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. Zaraz pomyślałem sobie [illegible] jest [illegible] [illegible] na [illegible] [illegible].

לעבּע שטעקנס פון זיי. נאָך אָוונט־ברויט איז ווידער געקומען דער סאָלטים אַז דער טאַטעשי זאָל גיין צו איינעם פון די פּויערים ווייל דאָרט וועלן זיי זיין. דער טאַטעשי איז נישט געגאַנגען, נאָר די מאַמע, אָבער זי האָט סיי־ווי גאָרנישט דערליידיקט, זיי האָבן נאָר געהייסן קומען מאָרגן פרי.

30 דעצעמבער: גאַנצפרי איז די מאַמעשי אַוועק און דערליידיקט. זי האָט זיי איינגעבעטן, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין פּראָטאָקאָל און אַז ס'זאָל נישט זיין קיין שטראָף, אָבער....................

די זעלבע קאָנטראָלערן זענען אַוועק געפאָרן נעכטן אין אָוונט צו אַנדערע יידן און זיי באַשטימט צו א קו פאַרן קאָנטינגענט און אַז זיי זאָלן אָפּפירן קיין קעלץ אין שעכט־הויז.

דאָס יאָר 1942

8 יאַנואַר: נאָכמיטאָג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין באָדזעטין זענען ווידער פאַראַן 2 קרבנות צווישן די יידן. איינער גלייך אויף טויט, און דער צווייטער פאַרווונדעט. דעם פאַרווונדעטן האָבן זיי אַרעסטירט און מיטגענומען מיט זיך אין דער פּאָליציי־וואַך קיין ביעליני, און דאָרט וועלן זיי אים ערשט דערהרגענען אויף טויט.

11 יאַנואַר: פון גאַנצפרי הערשט א שניי־זאַווערוכע און אַ גרויסער פראָסט. ער דערגייט ביז 20°C. ווען איך

האָב זיך אַזוי צוגעקוקט, ווי דער ווינט הוליעט איבער די פּעל־דער, האָב איך דערזען,, ווי דער דאָרפס־וועכטער קלעפּט אויף עפּעס א מעלדונג. איך בין גלייך געגאַנגען א קוק טאָן וואָס פאַר א נייעס איז אין דער מעלדונג. אין דער מעלדונג איז קיין שום נייעס נישט געווען, נאָר דער וועכטער האָט דערציילט, אַז ער האָט צום סאָלטיס אָוועקגעטראָגן א מעל־דונג, אַז אַלע יידן וועלן ווערן אַרויסגעשיקט פון אַלע דערפער. ווען איך האָב דאָס דערציילט אין דער היים, האָבן מיר זיך אַלע זייער איבערגענומען. איצט אין אַזא שטאַרקן ווינטער וועט מען אונדז אַרויסשיקן — ווו און וווהין? איצט איז גע־קומען אונדזער ריי, אַז מיר זאָלן ליידן שווערע יסורים. נאָט ווייסט ווי לאַנג.

12 יאַנואַר: גלייך אינדערפרי בין איך אַרויס אָפּ־רוימען דעם שניי. ווען איך בין אַריינגעקומען זיך אָנוואַרעמען, איז געקומען צו גיין דער וויצע־סאָלטיס און דערציילט, אַז ער האָט איבערגעלייענט א מעלדונג ביים סאָלטיס, אַז די יידן וועלן ווערן אַרויסגעשיקט און זיי וועט נישט דערלייבט זיין גאָרנישט מיטצונעמען, אויסער דעם וואָס אויף זיך. מיר זע־נען געוואָרן אַזוי צעמישט פון דעם נייעס, אַז מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט אונדז. ווען דער טאַטעשי איז געקומען האָבן מיר אָנגעהויבן צו פּאַקן עטלעכע פּעקלעך מיט זאַכן, וועלכע זענען נישט זייער נויטיק און האָבן זיי אַריינגע־טראָגן צו די שכנים, אין פאַל ווען דאָס אַרויסשיקן וועט זיין אָן א טערמין. זאָלן זיי כאָטש נישט בלייבן אין שטוב. דער טאַטעשי האָט געוואָלט פאַרקויפן די שאַנק און אַנדערע

שטוב־חפצים, אָבער עס איז נישט געווען קיין קונה, קונים זענען געווען, נאָר זיי האָבן געוואָלט קויפן פאַר האַלב געלט, דער טאַטעשי האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָס איבערלאָזן און נישט פאַרקויפן פאַר אַזעלכע געלטער. ווען מיר האָבן זיך א ביסל באַרואיקט, האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן פּלענער, וואס פאַר א פּעקל עמעצער וועט נעמען, וועלכע וועש מע וועט אָנטאָן און וועלכע מע וועט נעמען אין פּעקל. אין דער מעלדונג איז נישט געווען ווו מע וועט אונדז אַרויסשיקן און ווען, עס איז נאָר דאָ, אַז מע וועט אונדז אַרויסשיקן און מער גאָר נישט. אין אָוונט איז געקומען א פויער און געוואָלט קויפן די שאַנק אָבער ער האָט געגעבן פאַר איר 250 זל. און נישט געקויפט, ווייל איצט דאַרף א שאַנק קאָסטן צום ווייניקסטן 500 זל.

13 יאַנואַר: דער טאַטעשי איז געפאָרן קיין קעלץ, צו דערוויסן זיך וועגן דעם אַרויסשיקן, ווו מע וועט אונדז אַרויסשיקן און ווען. מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן טאַטן, אפשר וועט ער אונדז ברענגען צו פירן א וועלכע ס'איז בעסערע ידיעה. ווען דער טאַטעשי איז געקומען צו פאָרן האָט ער קיין שום קאָנקרעטס נישט געזאָגט, ער האָט בלויז דערציילט אַז היינט איז א זיצונג פון אַלע ראַטן פון די יודען־עלטסטע פון גאַנצן קעלצער קרייז, אין סטאַראָסטווע אויף דער דאָזיקער זיצונג דאַרף ווערן באַשטימט א טייל פון א ישוב אָדער פון א שטעטל אויף א יידישן קוואַרטאַל. אָבער דער טאַטעשי האָט נישט געזאָגט ווו דאָס וועט זיין, ווייל ער איז אַוועקגעפאָרן פריער איידער זיי האָבן געזאָלט אָפּטרעטן,

אָבער זיי זענען נישט אָפּגעטרעטן ווייל מסתמא זענען זיי גע־ פּאָרן ביינאַכט.

14 יאַנואַר: דער טאַטעשי איז היינט געגאַנגען קיין דאַלעשיצי. נאָך מיטאָג בין איך געגאַנגען אין קאָאָפּע־ ראַטיוו, אויפן וועג האָב איך זיך באַגעגנט מיט א שכנה, האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז געקומען פון ביעליני איר שוועסטער־ טאָכטער, דערציילט זי, אַז דאָס אַרויסשיקן איז אָפּגעלייגט אויף מאַי. איך האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער ידיעה און איך בין אַוועק צו איר צו דערוויסן זיך גענויער. ווען איך בין געקומען האָט זי מיר דאָס זעלבע געזאָגט. איך בין גלייך אַוועק אַהיים איבערצוגעבן זיי דאָס נייעס וואָס וועט אויך זיי דערפרייען. אָוונט־צו איז דער טאַטע געקומען פון דאַלע־ שיצי. דער טאַטעשי האָט אויך דאָס זעלבע געזאָגט וועגן דעם אַרויסשיקן אַז ס'איז אָפּגעלייגט ביז מאַי, ער האָט געזאָגט, אַז דאָס קאָנטינגענט־מעל וועלן מיר באַקומען אויפן חודש יאַנואַר און אַז מאָרגן פאָרט ער נאָך דעם קיין קעלין.

15 יאַנואַר: קוקנדיק אין פענצטער האָב איך באַ־ מערקט, אַז ס'איז געבליבן שטיין אַ פור מיט זשאַנדאַרמעריע און זיי גייען אַריין צו אונדז. ווען זיי זענען אַריין, האָבן זיי אונדז אַלעמען אַרויסגעיאָגט צום שניי, און מיר האָבן אין־ גאַנצן נישט געוווסט, אַז צום שניי, מיר האָבן געקלערט, אַז ווער ווייסט ווו מען פירט אונדז. איך, דער ברודער און די מו־ מע האָבן מיר זיך אָפּגעטיילט אין דאָרף, ווייל די זשאַנדאַרן זענען נאָך געשטאַנען פאַר דער קראָם. דער פעטער, די מאַ־

מעשי און די באָבע זענען אַוועק. אַהיים בין איך נישט גע־גאַנגען, ווייל זיי זענען נאָך געווען אין קראָם, נאָר איך בין אַוועק צו א שכן און דאָרט געווען א געוויסע צייט. ווען זיי זענען אַוועקגעפאָרן בין איך אַוועק אַהיים. די מאַמעשי איז אַרויסגעגאַנגען אָן הענטשקעס, די באָבעשי אויך, קיין מיטאָג האָבן זיי נישט געגעסן, כאָטש ער איז שוין געווען אָפּגעקאָכט און דאָ איז אַזאַ פראָסט. ווען איך האָב אָפּגעגעסן מיטאָג, האָב איך דערזען ווי דער זעלבער זשאַנדאַר וואָס איז געווען פריער, האָט זיך געלאָזט גיין באַרג־אַרויף. איך בין אַרויס אין פעלד און אַנטלאָפן, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז ער גייט נאָך אונדז. זייענדיק אין פעלד האָב איך זיך געטראַכט, אַז איך וועל אַוועק אין א צווייט דאָרף און דאָרט וועל איך זיין אַזש ביז זיי וועלן אַוועקפאָרן און איך האָב זיך געלאָזט גיין. ווען איך בין אַזוי געגאַנגען האָב איך באַמערקט, ווי דער זשאַנדאַר גייט אין דער זעלבער ריכטונג וואָס איך. איך האָב שוין נישט געקאָנט אַנטלויפן, ווייל ער האָט מיך שוין געזען, איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דעם גורלס גנאד און געגאַנגען אַראָפּנעמענדיק דעם באַנד, ער זאָל מיך כאָטש פון דער ווייטנס נישט דערקענען. קומענדיק אין דאָרף האָב איך גע־טראַכט, אַז איך וועל באַקומען א האַרצשלאַק, אַזוי איבערגע־שראָקן בין איך געווען און איך בין געגאַנגען גלייך מיטן דאָרף אַראָפּ־צו. אויף דעם צווייטן עק דאָרף האָב איך זיך ווידער אָנגעטראָפן מיט דעם זעלבן זשאַנדאַר ווייל ער איז געגאַנגען נישט מיט מיר נאָר מיט אַן אַנדער וועג. אָבער ער האָט מיך נישט געזען. יעדער איינער קאָן זיך פאָרשטעלן מיין מורא

און שרעק. ער איז אַדורכגעגאַנגען און איך בין געגאַנגען אַהיים. איך בין שוין געווען נאָענט פון דער שטוב, האָב איך דערזען, אַז עס שטייט עפּעס אַ פור פאַר דער קראָם און איך בין אַוועק צו אַ שכן. דער שכן האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע יידן אַרבעטן ביים שניי און די מאַמעשי אויך. איך בין אַרויס אַ קוק טאָן צו די פור איז שוין אַוועק האָב איך דערזען, אַז אַלע אַרבעטן ביים שניי פאַר אונדזער שטוב. אַהיים בין איך נאָך נישט געגאַנגען. זיצנדיק אַזוי איז געקומען עפּעס אַ יינגל און געזאָגט, אַז איך זאָל אַרויסגיין, ווייל די זשאַנדאַרן גייען איבערן דאָרף. איך בין אַוועק צו אַ צווייטן פויער און דער האָט מיר געזאָגט איך זאָל אַרויסגיין אָבער איך בין נישט אַרויס. אַרויסגייענדיק אין דרויסן האָב איך געזען, אַז דער וואָגן פאָרט שוין אָפּ מיטן זשאַנדאַר, איך בין גלייך אַוועק אַהיים און ס'איז שוין געווען אָוונט, אַלע זענען שוין געקומען אַהיים און מיר האָבן זיך געמיינזאַם דערציילט וואָס עמעצער האָט היינט איבערגעלעבט. די זשאַנדאַרן האָבן זיך געפרעגט ביי דער מאַמעשי ווו מיר זענען אינדערפרי אַוועק אָבער דער־נאָך האָבן זיי פאַרגעסן. איך האָב זיך דערוווסט, אַז איינעם אַ יידן האָבן זיי געבונדן און זיי וועלן אים פאַרנעמען אין דער פּאָליציי־וואַך, און צוויי אַנדערע האָבן זיי פאַרמאַכט און הייסן זיך געבן צו 100 זל וועלן זיי זיי אַרויסלאָזן, האָט דער סאָלטיס פאַר זיי ערוב געווען און מע האָט זיי אַרויסגעלאָזט. איך האָב זיך גלייך אָנגעטאָן און אַוועק זיך דערוויסן וואָס וועט מיט יענעם געשען. ווען איך בין געקומען איז ער שוין נישט געווען, ווייל מע האָט אים צוגעבונדן צום שליטן און

ער האָט געמוזט נאָך אים נאָכלויפן, און אפשר וועלן זיי אים דערשיסן, ווער קאָן וויסן. מיר זענען דעם גאנצן אָוונט גע־זעסן זייער פאַראומערט און פאַרטראַכט. וויפל שונאים לוי־ערן אויף די דאָזיקע שוצלאָזע האָזן. שפּעט אין אָוונט איז דער טאַטעשי געקומען צו פאָרן מיט דעם מעל.

16 יאַנואַר: ביינאַכט איז געקומען דער פאָטער פון דעם וואָס מען האָט פאַרנומען צו האַלטן זיך אַן עצה מיטן טאַטן אָבער וואָס פאַר אַן עצה האָט דער טאַטעשי אים געקאָנט געבן. היינט האָבן מיר זיך אַלע צונויפגענומען ביים שניי. אַרבעטנדיק ביי דעם שניי איז געקומען א מיידל מיט א צעטעלע פון גורנאַ. אויף דעם צעטעלע איז געווען, אַז די צוויי וואָס מ'האָט נעכטן פאַרנומען, האָט מען איינעם פון זיי געשאָסן און ווער ווייסט צי נישט דעם יידן, ווייל דער צוויי־טער איז געווען אַ פּאָליאַק. זיין שוועסטער איז אַוועק קיין ביעליני עפּעס זיך צו דערוויסן. נאָכמיטאָג בין איך אַוועק אין קאָאָפּעראַטיוו נאָך אַן עלעקטריש לעמפּל. גייענדיק צוריק פון קאָאָפּעראַטיוו האָב איך אָפּגעטרעטן ביי איינעם אַ יידן. אַריינקומענדיק אין שטוב האָב איך דערזען, אַז אַלע זענען פאַרוויינט, איך האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז מע האָט דאָס דאָזיקע יינגל דערשאָסן. איך האָב זיך נאָר איבערגעפרעגט אַ פּאָר ווערטער, צי ס'איז אמת וועגן דעם און צי ער איז באַ־גראָבן ערגעץ אין א וועלדל. ווען ער איז געווען צוגעבונדן צום שליטן האָט ער שוין נישט געקאָנט לויפן נאָכן שליטן, אַז ער האָט זיך נאָך אים אַזש נאָכגעשלעפּט און דערנאָך האָבן זיי אים דערשאָסן, אַזאַ גורל האָט דער אומגליקלעכער געהאַט.

קומענדיק אהיים האָב איך זיי דערציילט דאָס דאָזיקע נייעס, יעדער קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז זיי זענען נישט געווען צופרידן דערפון. אָוונט־צו איז געקומען צו אונדז דער סאָלטיס... דער טאַטעשי האָט געקויפט א ביסל בראָנפן און אויסגעטרונקען צוזאַמען מיט אים, ווייל ער איז געווען א ביסל דורכגעפרוירן... דער סאָלטיס האָט געזאָגט, אַז אַלע יידן דאַרף מען אויסשיסן ווייל זיי זענען שונאים. ווען איך זאָל וועלן אַפילו א טייל אָנשרייבן בין איך נישט אימשטאַנד דאָס וואָס ער האָט גערעדט ביי אונדז... היינט האָבן מיר ווידער געאַרבעט ביים שניי, און דער וועכטער איז געווען דער אויפזעער איבער די יידן.

17 יאַנואַר: איך האָב געטראַכט, אַז היינט וועלן מיר שוין נישט אַרבעטן ביים שניי, אָבער ווו דאָרט. נאָך אַזאַ שווערע איבערלעבונג און פאַרלוסט פון די כוחות, מוזן מיר שטיין אין אַזאַ שניידנדיקן פראָסט און אָפּוואַרפן דעם שניי.

18 יאַנואַר: גאַנצפרי בין איך געגאַנגען צום סאָלטיס ווו מיר האָבן אָפּצוּוואַרפן דעם שניי נאָר דער סאָלטיס האָט נישט געהייסן ווייל ס'איז נישטאָ קיין שניי.

19 יאַנואַר: נאָכן פרישטיק בין איך געגאַנגען מיטן ברודער אָפּמאָלן אויף די זשאַרנעס א ביסל קאָרן. ווען מיר זענען שוין געגאַנגען צוריק האָב איך דערזען, אַז יידן אַרבעטן ביים שניי לעבן אונדז, און דער וועכטער היט זיי. דער וועכטער האָט אונדז גלייך באַפוילן זיך צו שטעלן צום שניי. ער האָט אונדז געהייסן אַרבעטן אַזש ביז דער סאָלטיס

וועט קומען פון דער גמינע, ווייל גאַנצפרי איז ער אַוועקגע־פאָרן. פיר אַזייגער איז ער געפאָרן צוריק, ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט און אַריינגעגאַנגען אין קראָם און דער וועכטער איז אויך באַלד אַוועקגעגאַנגען. ווען דער וועכטער איז אַרוים פון קראָם האָט ער אונדז באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין פאַר־לעך די רידלען אויף די פּלייצעס און מאַרשירן באַרג אַרויף. ער האָט געזאָגט, אַז דער סאָלטיס האָט אים געגעבן אַזאַ פאַר־אָרדענונג און מיר האָבן געמוזט אים פאָלגן. ער האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף דעם סאַמע באַרג, ווו עס איז דער גרעס־טער פראָסט און זאַווערוכע און ער האָט אונדז באַפוילן אַר־בעטן און אַליין איז ער אַריינגעגאַנגען ערגעץ אין א שטוב און געהייסן אַרבעטן ביז זון־פאַרגאַנג. מיר האָבן געוויינט פון קעלט, יעדער איז געווען געצוווּנגען צו שטיין ביז זון־פאַרגאַנג און דערנאָך איז ער געקומען נאָך אונדז. ער האָט אונדז ווידער אויסגעשטעלט אין פאָרלעך און מיר זע־נען געגאַנגען. מיר זענען צוגעקומען פאַר דער קראָם, איז דער סאָלטיס נאָך געווען. כאָטש עס איז שוין געווען פאַר־נאַכט האָט ער אונדז אַלץ נאָך נישט געהייסן גיין אַהיים. ערשט אין אָוונט האָט ער אונדז באַפרייט און געהייסן קומען מאָרגן פרי צו דער אַרבעט.

20 יאַנואַר: גאַנצפרי זענען די מאַמעשי מיטן פּע־טער אַוועק צום סאָלטיס ער זאָל אונדז אַלעמען באַפרייען פון־נעם שנײ. זיי האָבן אים געבעטן און ער האָט נישט געהייסן גיין צום שנײ, ווען א פרישער וועט אויספאַלן זאָל מען גיין צום שנײ... דער טאַטעשי איז געווען אין קעלץ אין דעם

קרייזאמט מע זאָל אים פאַרלענגערן דעם פּאַסירשיין. ער איז געקומען צו פאָרן שפּעט אין אָוונט.

22 יאַנואַר: גאַנצפרי נאָך פרישטיק בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן אָפּוואַרפן דעם שניי. אַרבעטנדיק ביי דעם שניי איז געקומען א וועכטער ביים שניי פון אַן אַנדער דאָרף און געזאָגט מיר זאָלן אַלע גיין צום שניי אויף אַן אַנדער שאָסיי 3 קילאָמעטער פון אונדז. דער טאַטעשי האָט געזאָגט, אַז דער סאָלטיס האָט געהייסן אַרבעטן לעבן אונדז, און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אוואַנטורעס, דעם טאַטן האָט ער דערלאַנגט א קלאַפּ און אַלעמען אַרויסגעיאָגט צום שניי, איך בין נישט געגאַנגען ווייל איך האָב זיך באַהאַלטן און דער טאַטעשי איז אַוועק צום סאָלטיס פרעגן דעם סאָלטיס. דער סאָלטיס האָט נישט געהייסן גיין אָבער דער טאַטעשי איז געגאַנגען, ווייל אין דער איצטיקער צייט קאָן יעדער אָנקלאַגן פאַר דער זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן נישט לאַנג געאַרבעט זיי זענען אַוועק פאַר 12 און געקומען אַרום 3.

24 יאַנואַר: עס איז געקומען צו אונדז דער וועכטער מיר זאָלן גיין צום שניי און מיר זענען גלייך געגאַנגען. עס זענען אויך געקומען אַנדערע יידן און מיר האָבן אָפּגערויניקט דעם שאָסיי ווי א גאַס. די פּאָליציי איז דורכגעגאַנגען, איז עס זיי אויך געפעלן.

28 יאַנואַר: דורך נאַכט איז פאַרשאָטן געוואָרן דער גאַנצער שאָסיי זענען מיר גאַנצפרי געגאַנגען אים אָפּריי-

ניקן. ביי דער אַרבעט איז געקומען אַ מיידל און געזאָגט, אַז דער וועכטער האָט אַרעסטירט עפּעס אַ יידן און דער סאָל־טים זאָל אים אָפּשיקן אין דער זשאַנדאַרמעריע, ווייל יידן איז פאַרווערט צו גיין פון איין דאָרף אין צווייטן. די מאַמע מיטן פעטער זענען געגאַנגען בעטן דעם סאָלטים ער זאָל אים אָפּ־לאָזן. די מאַמעשי האָט קוים איינגעבעטן דעם סאָלטים ער זאָל אים אָפּלאָזן, ער האָט נאָר באַצאָלט אַ מאַנדאַט פון 100 זל.

1 פ ע ב ר ו א ר: גאַנצפרי איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָ און געבליבן שטיין לעבן סאָלטים מיר האָבן געמיינט אַז ער איז קאַליע געוואָרן. דער טאַטעשי איז אַוועקגעגאַנגען קיין באָדזענטין און איך מיטן ברודער זענען אַוועק צום שניי. אַר־בעטנדיק ביי דעם שניי, איז דער אויטאָ שוין געפאָרן צו־ריק און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדז. איין זשאַנדאַר איז אַרויסגעגאַנגען און עפּעס פאַרריכט און איז אָפּגעפאָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז דורכגעגאַנגען אַ באַקאַנט מיידל און געזאָגט, אַז די דאָזיקע זשאַנדאַרן האָבן פאַרנומען מיט זיך אויך דעם אויטאָ דעם סאָלטים נישט זאָגנדיק צוליב וועל־כער סיבה. ס'איז אָנגעקומען אַ פויער האָט ער געזאָגט, אַז דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן און די 2 זשאַנדאַרן זענען אָפּגע־פאָרן מיט אַ פור קיין ביעליני צוזאַמען מיטן סאָלטים. צוויי זשאַנדאַרן זענען איבערגעבליבן אין דער שול און דאַרפן דורכ־פירן אַן אויספאָרשונג. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דעם סאָל־טים האָט מען אַרעסטירט פאַר פאַרקויפן קאָנטיגענט־מעל. מען האָט אויך פאַרנומען אַ פויער פון פאָלודניאָווע.

2 פעברואַר: פון סאַמע אינדערפרי איז אַ מהומה צוליב דער נעכטיקער געשעעניש. די מערהייט מענטשן זענען צופרידן דערפון, ווייל ער האָט די מענטשן אַ סך עוולות געטאָן, און מערסטנטייל אָרעמע. עס איז געקומען צו פאָרן דער פאָרזיצער און סעקרעטאַר פון דער גמינע, מיר האָבן נישט געוווסט צוליב וואָס. אין אָוונט האָב איך זיך דערוווסט, אַז מען האָט אויסגעקליבן אַ נייעם סאָלטיס.

8 פעברואַר: עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז דער קאָמיטעט פאַרן קאָנטינגענט און אַ דייטש וועלן מאַכן אַ רעוויזיע פון קאָרן. אפשר אין אַ שעה האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן די רעוויזיע. איך בין אַוועק צום שניי. אַרבעטנדיק ביים שניי האָט מיר אַ יינגל געזאָגט, אַז דער דאָזיקער דייטש איז אַריינגעגאַנגען צו איינעם אַ יידן, האָט אַלעמען אַרויסגעטריבן און געהייסן וואַרפן דעם שניי אין שטוב אַריין ווייל ס'איז ברודיק. איך האָב נישט אינגאַנצן געגלויבט, אין אָוונט בין איך אַהין אַוועק, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אמת וואָס ער האָט מיר געזאָגט אינדערפרי. אַז זיי זענען געווען פול מיט מורא און שרעק, קאָן יעדער זיך פאָרשטעלן, ער איז דאָ געווען ביי דעם דאָזיקן יידן, זיין זון איז געוואָרן דערשאָסן.

9 פעברואַר: היינט זענען זיי אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער דאָרף דורכצופירן אַ רעוויזיע. מיר האָבן זיך זייער איבערגעשראָקן ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער קראָם און מיר האָבן געטראַכט אַז זיי וועלן אָפּטרעטן ביי אונדז כאָטש זיי וואָלטן גאָרנישט נישט געפונען. ווען איך

האָב אָפּגעגעסן מיטאָג איז געקומען דער וועכטער, איך זאָל גיין צום שניי אין דער שול, בין איך געגאַנגען. איך בין אַריינ-געגאַנגען צו אַן אַנדער יידן צי זיי גייען צום שניי. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען איז א צווייטער דייטש מיטן קאָמיטעט אַרויסגעגאַנגען. ווען איך בין אַריינגעקומען איז די ווינונג געווען נישט צום דערקענען אַזוי איז דורכגעפירט געוואָרן די רעוויזיע. אַלע האָבן אַריינגעכאַפּט, דאָס איז קלאָר. דער באַ-לעבאָס פון דער שטוב איז נישט געווען, ווייל ער איז געווען ביים שניי, זענען זיי געגאַנגען צו אים אַהין, ער האָט לייטיש אַריינגעכאַפּט און מען האָט אים אָפּגעשניטן די באָרד. ביים שניי האָבן מיר געאַרבעט ביז אין אָוונט. אַקוראַט איז דער טאַטעשי אָנגעקומען פון קעלץ, ווען דער דייטש מיטן קאָמי-טעט זענען אַריינגעקומען צו אונדז. זיי האָבן נישט דורכגע-פירט אַזאַ שטרענגע רעוויזיע. אַרויסגייענדיק האָבן זיי זיך געהייסן געבן אויף אָונטברויט צוויי הינער, און איינער פו-נעם קאָמיטעט האָט געהייסן זיך געבן א פלעשל בראָנפן. מיר האָבן געמוזט געבן בראָנפן און בלויז איין הון. אַזוי גייט דורך א טאָג נאָך א טאָג, שטענדיק אין קאָסטן און אין שרעק.

12 פ ע ב ר ו אַ ר: נאָכן פרישטיק זענען מיר אַרויס צום שניי, כאָטש קיינער האָט אונדז נישט געהייסן, ווייל דער-שאָסיי איז איבער נאַכט געוואָרן פאַראומרייניקט. איך האָב דערקענט דעם וועכטער פון דער גמינע, כ'האָב זיך א פרעג געטאָן ביי אים, ווו ער גייט, האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט צום סאָלטיס מיט מעלדונגען. אין א צוויי שעה אַרום איז גע-קומען דער דאָרפס-וועכטער צוזאָגן עפּעס א מעלדונג. דאָס

Rubinowicz D

Pamiętnik
nazwa przedmiotu

Nazwisko RUBINOWICZ

Imię DAWID

Klasa Rubinowicz D. Rok nauki

Rok szkolny

Rubinowicz D

A. CISŁOWSKI

Rubinowicz D

Rubinowicz D

Rubinowicz D

Rubinowicz D

Rubinowicz D

איז אײנגאַנצן קײן מעלדונג נישט געװען נאָר אַ קאַריקאַטור פון ײדן. עס איז אָנגעצײכנט אַ ײד, װאָס מאָלט פלײש און לײגט אַרײן אין דער מאַשינקע אַ שטשור. אַ צװײטער גיסט אַרײן אַן עמער װאַסער אין דער מילך. אױפן דריטן בילדל שטײט אַ ײד װאָס פאַרקנעט טײג מיט די פיס, און װערעם קריכן אַרום איבער אים און איבערן טײג. דער טיטול פון דער מעלדונג איז פאָלגנדיקער: דער ײד איז אַ שװינדלער דײן אײנציקער שונא. און פון אונטן אַ צושריפט:

שטעל זיך אָפּ, ליבער צושױער, און לײען,
װי די ײדן דיך פאַרדרײען.
גיסט אין מילך ברודנע װאַסער,
אַנשטאָט פלײש האַקט ער שטשורעס,
די ראַשטשינע פון טײג מיט װערעם
איז געקנאָטן מיט די פיס.

װען דער װעכטער האָט צוגעשלאָגן, זענען אַקוראַט די מענטשן געגאַנגען פון דעם שניי, זײ האָבן אַזױ געלאַכט, אַז מיר האָט אַזש דער קאָפּ אָנגעהױבן װײ טאָן פון דער חרפּה, װאָס די ײדן אין דער הײנטיקער צײט לעבן איבער. זאָל גאָט געבן אַז די דאָזיקע חרפּה זאָל זיך װאָס שנעלער ענדיקן.

אין משך פון דער גאַנצער צײט פון דער אָקופּאַציע האָבן די היטלעריסטן זיך באַמיט מיט דער הילף פון אַ שװינדלערישער פּראָפּאַגאַנדע געפירט אין דער פױלישער שפּראַך, צו פאַרמיאוסן די ײדן אין די אױגן פון דער פױלישער באַפעלקערונג. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט פאַר אַ ציל אָפּצװענדן די אױפמערקזאַמקײט פון דער פױלישער באַפעלקערונג פון איר פאַקטישן שרעקלעכסטן שונא, דעם היטלערישן

אָקופּאַנט. צו דעם ציל האָבן געדינט די שטענדיקע אַנטי־יידישע וואַנדער־אויסשטעלונגען א. נ. „די יידישע וועלט־פּעסט“. אין די קלײנע ישובים און דערפער האָבן די דאָזיקע אויפגאַבע אויסגעפירט די עקלהאַפטע פּלאַקאַטן, אַזעלכע ווי זיי זענען באַשריבן דורך דודלען.

20 פ ע ב ר ו אַ ר: דער טאַטע איז היינט געווען אין קעלץ. ער האָט באַקומען א צוטיילונג אויף מעל, אָבער בלויז א העלפט, גוט איז דאָס.

אין פעברואַר 1942 האָט דער גובערנאַטאָר פון ראַדאָמער דיסטריקט, ערנסט קונדט, ווירקלעך פאַרקלענערט די צאָל שפּייז־קאַרטן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון 337 טויזנט אויף 200 טויזנט, פאַרקלענערנדיק אויסער דעם די שפּייז־פּאָרציעס אויף 50 פּראָצענט. ביז איצט האָבן זיי קוים באַקומען 100 גראַם ברויט טעגלעך און 200 גראַם צוקער חודשלעך אויף אַ פּערזאָן. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אָנגעגעבן, אַז די דאָזיקע איינשרומפּונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם נישט צושטעלן דורך דער פּוילישער דאָרפישער באַפעלקערונג די באַשטימטע קאָנטינגענטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. אין דער ווירקלעכקייט איז די הויפּט־סיבה דערפון געווען דער באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דעם 20 יאַנואַר 1942 אויף דער קאָנפערענץ אין הויפּט־זיכערהייטס־אַמט פון רייך (R.S.H.A.) אין בערלין וועגן צוטרעטן צו אַ מאַסן־עקסטערמינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע.

24 פ ע ב ר ו אַ ר: היינט איז אויך געפאָרן דער טאַטע קיין קעלץ צו דערוויסן זיך וועגן דעם אַרויסשיקן און ווען ער דאַרף קומען נאָך דעם מעל. שפּעט אין אָוונט איז דער טאַטע געקומען און געזאָגט, אַז מאָרגן פאָרט ער נאָך דעם מעל. ער האָט אויך באַקומען 30 קילאָגראַם מאַרמעלאַד און 15 קילאָגראַם צוקער. מיר האָבן זיך דערפרייט, ווייל קיינ־

מאָל האָבן מיר נישט באַקומען די דאָזיקע פּראָדוקטן. וועט באַטש זיין צו קאַווע. אומזיסט האָבן מיר זיך געפריייט, ווייל דאָס אַלץ איז געוואָרן פאַרקויפט, נישט צעטיילט, וואָרום דאָס געלט איז געווען נייטיק פאַר עפּעס א געמיינזאַמען ציל.

25 פעברואַר: פאַרנאַכט איז דער טאַטעשי געקומען צו פאָרן מיט דעם מעל. עס מאַכט אויס 3 קווינטאַל, בלויז פאַר די אַרויסגעשיקטע, און ווייצנמעל איז אינגאַנצן נישטאָ.

27 פעברואַר: דער טאַטעשי איז היינט געווען אין קעלץ, צו דערוויסן זיך וועגן דעם אַרויסשיקן, צי מע וואָלט נישט געקאָנט אָפּלייגן דאָס אַרויסשיקן פון די דערפער כאָטש אויף 2 חדשים. אָבער ער האָט גאָרנישט דערליידיקט ווייל אַלע פּאַפּירן זענען שוין אונטערגעשריבן דורכן סטאַראָסטע צום אַרויסשיקן. עס איז נאָך דאָ א ביסעלע האָפענונג אויף אָפּלייגן. דער טאַטעשי האָט זיך אָפּגעשמועסט מיטן פּרעזעס פון דאַלעשיץ, אַז אויב ער וועט צושיקן מאָרגן א שליח איז בלייבן מיר אויפן אָרט, און טאָמער נישט איז ווערן מיר אַרויסגעשיקט קיין ביעליני. דער דאָזיקער פּרעזעס האָט באַדאַרפט דאָס דערליידיקן דאָרט אין קרייזאַמט. דער טאַטעשי האָט אים איבערגעלאָזט דערויף געלט. מיר האָבן געספּקט, ווייל ס׳איז פאַרבליבן דערויף זייער א קורצע צייט, און צווייטנס די פּאַפּירן זענען שוין בלויז צום אַרויסשיקן צו די ראַטן פון די יודען-עלטסטע. די מאַמעשי האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן אַרויספאָרן קיין באָדזענטין צו דער מומען. דער

טאַטעשי האָט דערציילט, אַז אין אַנדערע גמינעס מוז מען צי־ עטלעכע יידישע הייזער איינקוואַרטירן 34 משפחות, פון דער שכנישער גמינע אויך.

28 פעברואַר: פון סאַמע אינדערפרי האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם שליח, אָבער ער איז נישט געקומען. מיר האָבן זיך שוין איבערגעענטפערט דעם חסד פון גאָט, מיר זענען שוין אויף אַלץ צוגעגרייט מיט אָפּענע אָרעמס. נאָכמיטאָג איז דער טאַטעשי אַוועקגעגאַנגען קיין באָדזענטין, ער האָט געזאָגט, אַז עס דאַרף קומען אַ פור היינט אָדער מאָרגן נאָך די זאַכן. אין אָוונט איז דער טאַטע־ שי געקומען צו פאָרן מיט אַ פור, איך האָב געהאָלפן אַריינ־ פירן דאָס פערד אין שטאַל, דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן צוגרייטן די זאַכן צום פּאַקן. מיר האָבן אויסגעקליבן קאַר־ טאָפל אַריינצושיטן אין זעק. דאָס האָט פאַרנומען ביז 1 ביי־ נאַכט, שלאָפן האָט זיך מיר נישט געוואָלט. מיר האָבן אויך צענומען איין בעט. קיינער האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן, אַלע האָבן געדרימלט, ווייל דער טאַטעשי האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן אַרום 3. איך און דער ברודער האָבן זיך אַ ביסל צו־ געשפּאַרט אין בעט. ווען מען האָט אויפגעלאַדעוועט אויף דער פור האָב איך גאָרנישט נישט געהערט, איך האָב נאָר געהערט ווי די מאַמעשי האָט געזאָגט, אַז ווען דער טאַטעשי איז אַרויסגעפאָרן פון הויף איז דער דישעל פאַרזונקען אין אַ שניי־אָנשיט און ער האָט זיך לאַנג געמוטשעט ביז ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם שליטן.

1 מ ע ר ץ: ווען דער טאַטעשי איז אַוועקגעפאָרן, האָבן מיר אַלע זייער איבערגעקלערט צי ער איז בשלום אַריבערגעקומען. שטייענדיק אויפן הויף איז צוגעקומען איינער אויף אַ ראָווער און מיר איבערגעגעבן אַ בריוול פון באָרזענטין. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט, ווייל אַלץ איז אין אָרדענונג, און דער טאַטעשי וועט אָוונט־צו קומען. דער טאַטעשי איז געקומען גלייך נאָך מיטאָג און געזאָגט, אַז דער לאָקאַטאָר פון דער מומען וויל נישט זייער אַרויס פון איין וווינונג. דערוויל האָט דער טאַטעשי אַריינגעשיט די קאַרטאָפל אין קעלער פון לאָקאַטאָר און פאַרשלאָגן מיט טשוועקעס, דאָס בעט האָט ער אויך דאָרט אַוועקגעשטעלט.

3 מ ע ר ץ: דער טאַטעשי איז היינט געפאָרן קיין קעלץ אויסצוקויפן די מאַרמעלאַד מיטן צוקער, אָבער ער האָט זיי נישט געבראַכט ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פור, ער וועט זיי ברענגען ערשט פרייטיק. וועגן דעם אַרויסשיקן האָט ער קיין שום נייעס נישט געזאָגט.

5 מ ע ר ץ: דער פעטער פון באָרזענטין האָט געבעטן דעם טאַטן ער זאָל פאַר אים קויפן 1 קווינטאַל קאָרן. ער האָט דאָס פאַר אים געקויפט און היינט אָפגעפירט, ער האָט אויך גענומען פאַר זיך 1½ קווינטאַל קאַרטאָפל. דער טאַטעשי איז אַוועקגעפאָרן פרי, מיר זענען שוין נישט געשלאָפן. אַרום 4 אַזייגער איז געקומען אַ יידיש מיידל זיך האַלטן אַן עצה, ווייל זיי האָבן אָפגעגעבן דאָס פעלד דעם סאָלטיס און איצט איז געקומען אַ צווייטער, אַזאַ וואָס האָט קיין ערד נישט, מיט

פּאַפּירן פון דער גמינע און וויל אַז זלמן זאָל זיי אים אונטער־שרייבן, אָבער ער איז נישטאָ ווייל ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין ביעליני. זי איז געקומען, ווייל זי האָט געוווּסט אַז דער פעטער גייט קיין ביעליני זי האָט געוואָלט זאָגן איר פאָטער זאָל קומען אָבער דער פעטער איז שוין נישט געווען. דער וואָס איז צו זיי געקומען דערלויבט זיי נישט צו פאַרקויפן קיין שטרוי, היי, מיסט און אַנדערע זאַכן. ווען דער פעטער האָט זיך צוריקגעקערט איז דער טאַטעשי שוין געהאַט געקומען. דער פעטער האָט דערציילט אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט געזאָגט, אַז ס'איז דערלויבט זיך איבערצוקלייבן קיין באָדזענטין קיין דאַלעשיצי און ביעליני און מע מעג אַלץ מיטנעמען מיט זיך.

שוין אין אָנהייב 1942 איז מען אין ראַדאָמער דיסטריקט צוגע־טרעטן צו קאָנצענטרירן די יידן אין די פון פריער באַשטימטע ערטער, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי באַן־קנופּן, אָדער ביי הויפּט־טראַקטן. דאָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם פּלאַנירטן דורכן אָקופּאַנט אַרויס־פירן די יידישע באַפעלקערונג אין די אומקום־לאַגערן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר דעם דיסטריקט אויף סוף זומער און האַרבסט פון יאָר 1942.

די איבערזידלונגס־אַקציע פאַר קאָנצענטרירן איז אין אַלע קרייזן פון דיסטריקט פאָרגעקומען אין צוויי עטאַפּן. דער ערשטער עטאַפּ איז באַשטאַנען אין צונויפנעמען די יידישע באַפעלקערונג פון די קלענערע ישובים און דערפער אין די גרעסערע ערטער. דאָס איז פאָרגעקומען פון יאַנואַר ביז פרילינג און זומער 1942. דער צווייטער עטאַפּ איז באַשטאַנען אין צונויפזאַמלען די יידן פון אַ גאַנצער ריי קלענערע און מיטעלע שטעט אין איין גרויסער שטאָט, וועלכע האָט זיך שוין אומבאַדינגט באַדאַרפט געפונען ביי אַ באַן־ליניע.

די דאָזיקע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן סמך פון אַ פאַר־אָרדענונג פון גובערנאַטאָר פון דיסטריקט, ע. קונדט, פון 23 פעברואַר 1942. די דאָזיקע פאַראָרדענונג האָט פאָרויסגעזען פאַר יידן, וואָס פאַר־לאָזן דאָס געטאָ, באַנוצן זיך מיט פריוואַטע וואָגנס, און באַזונדערס מיט

פויערישע פורן אויף עפנטלעכע וועגן, ווי אויך פאַר נישט־יידן, וועלכע באַהאַלטן אויס יידן, אָדער טיילן זיי צו הילף — איין שטראָף: טויט.
פאַר דודלען האָט דער ערשטער עטאַפּ באַטייט דאָס איבערטראָגן זיך פון קראַינאַ קיין באָדזענטין, און דער צווייטער עטאַפּ — דאָס איז סוכעדניאָוו.

8 מ ע ר ץ: דער פּרעזעס פון דעם ראַט פון די עלטסטע האָט צוגעשיקט אַ בריוול, אַז דער טאַטעשי און אַנדערע זאָלן קומען קיין ביעליני; זיי דאַרפן היינט אָפּקלייבן וווינונגען פאַר די יידן. דער טאַטעשי איז אַוועקגעגאַנגען מיט נאָך עטלעכע. אָוונט־צו זענען אַלע צוריקגעקומען. זיי האָבן צוגעטיילט צו יעדן יידן איינע אָדער צוויי משפחות. אָפּהענגיק פון דער וווינונג. איין ייד האָט זיך געקריגט מיטן טאַטן איבער עפּעס, אָבער דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבעטן. דער טאַטעשי האָט געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער פאָרן מיט איין פור קיין באָדזענטין.

9 מ ע ר ץ: איין פויער האָט גענומען ביי אונדז פאַרשידענע זאַכן, וועלכע זענען אונדז נישט נויטיק, ער דאַרף היינט געבן דערפאַר אַ פור. איך בין געגאַנגען מיטן ברודער באָרגן אַ שליטן. מיר האָבן אים געבראַכט און אָנגעהויבן פאַרפּאַקן די זאַכן. די קליינע שוועסטער דאַרף אויך פאָרן. ווען דער שליטן איז שוין געווען גרייט, בין איך געגאַנגען ער זאָל קומען מיטן פערד, ער איז גלייך געפאָרן. נאָך מיטאָג איז ד'ער טאַטעשי צוריקגעקומען.

10 מ ע ר ץ: גאַנצפרי בין איך אַוועק באַשטעלן אַ פור. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט א פויער, ער וועט נעמען

אייניקע זאַכן פון שטוב און מאָרגן וועט ער פאָרן. ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך געטראָפן דעם קוזין וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון באָדזענטין. גייענדיק צוריק אַהיים האָב איך אָפּגעטרעטן נאָכן אייזערנעם אייזוועלע ווייל עס איז געווען אַוועקגעבאָרגט. וואָרום אויב מיר דאַרפן אַרויספאָרן קאָן עס אונדז צונוץ קומען. אין אונדזער דאָרף איז כמעט נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל אונדז נישט באַדויערן. אייניקע ווילן אַפילו נישט קומען צו אונדז ווייל זיי זאָגן, אַז זיי ווילן נישט צוקוקן עמעצנס אומגליק. דער קוזין האָט מיך געבעטן איך זאָל מיט אים פאָרן נאָך דער מאַשין. פאַרנאַכט בין איך געפאָרן מיטן שליטן. אויף דעם שליטן האָט ער אַרויפגעלייגט דאָס טישל פון דער מאַשין און ¼ קווינטאַל קאַרטאָפל און איך בין אַוועקגעפאָרן אַהיים, און ער איז געבליבן און איך האָב באַדאַרפט נאָך איין מאָל קומען. ווען איך בין געקומען, איז דאָס אָונטבערויט שוין געווען גרייט. איך בין שוין נישט געגאַנגען נאָר דער ברודער איז געגאַנגען. נאָך דעם אָונט-ברויט זענען זיך צונויפגעקומען ביי אונדז פיל פויערים, זיי זענען געקומען אונדז באַזוכן, ווייל מיר וועלן שוין נישט זיין. אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז מיר זענען געצוווּנגען פונ-דאַנען אַוועקצופאָרן האָב איך געמוזט אַרויסגיין אויף דעם הויף, און איך האָב זיך אַזוי צעוויינט, אַז איך בין געשטאַנען מער פון אַ ½ שעה און געשלוכצט. באַרואיקנדיק זיך אַ ביסל בין איך אַריינגעגאַנגען אין שטוב. די פויערים זענען זיך אַ ביסל צעגאַנגען, עס זענען נאָר פאַרבליבן צוויי וועלכע האָבן געהאַט בכוונה צו קויפן דאָס שטעלעכל. איינער האָט

patrzać na cudze nieszczęście. Kuzyn mnie
prosił żebym z nim pojechał po ziemniaki.
Przed wieczorem pojechałem sankami.
Na sanki włożył stolik od maszyny
i ¼ q ziemniaków, i pojechaliśmy do
domu, a on został i jeszcze miałem raz
przyjechać. Przyjechałem, to kolacja była
już gotowa. Ja już nie poszedłem
tylko brat poszedł. Po kolacji naszło
się do nas dużo chłopów, przyszli od
wiedzić nas, bo już nas nie będzie. Gdy
sobie pomyślałem, że musimy stąd odje-
chać to musiałem wyjść na dwór, tak żem
się rozpłakał, że stałem więcej jak dwie
godziny i szlochałem. Uspokoiłem się.

זיך אויסגעגלייכט מיטן טאַטן און מאָרגן האָט ער באַדאַרפט קומען דאָס צענעמען.

11 מערץ: דער ברודער מיטן קוזין זענען פריער אַוועק קיין באָדזענטין. דער פורמאַן איז געקומען אַרום 7. מיר האָבן אָנגעהויבן פּאַקעווען די זאַכן אויפן שליטן. ווען דער פורמאַן איז אָפּגעפאָרן, איז אין שטוב געוואָרן ווי אין א טונעל, אַזוי איז עס געוואָרן אין משך פון עטלעכע שעה. אויפן דאָרף אַז מ'האָט עפּעס געקויפט איז עס שטענדיק בי־ליקער ווי אין שטאָט. איצט דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט שפּייז, אַזוי לאַנג ווי מיר זענען נאָך דאָ ווייל שפּעטער וועט זיין א סך שווערער. איך בין געגאַנגען מיט דער מאַמעשי צו איינעם א פויער נאָך א שטיקל האָלץ און נאָך עפּעס אַנדערש אויסקאָמבינירן א ביסל ביליקער. די מאַמעשי האָט פאַר־קויפט צו איינער א פויערטע א טישטעך, אויך פאַר שפּייז. פאַראיינוועגס האָבן מיר אויך גענומען ביי איר א ביסל קאַר־טאָפל. אַז מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים איז מען שוין געהאַט געקומען צו צענעמען דאָס שטעלעכל. אין דער היים איז געבליבן די מאַמעשי, און איך בין געגאַנגען אָפּנעמען א חוב וואָס איז נאָך צוגעקומען פאַרן טיש. דאָס שטעלעכל האָט מען אָנגעהויבן צענעמען ערשט שפּעטער, ווייל ער האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל אים צוהעלפן. איך האָב צענומען דעם צובוי צום שטעלעכל, וועט ער כאָטש האָבן צו הייצן א פּאָר טעג. אין א פּאָר שעה איז פון שטעלעכל קיין סימן נישט געבליבן. אין שטוב איז געוואָרן זייער אומעטיק, איך האָב שוין אויסגעקוקט אַז מיר זאָלן אַוועקפאָרן פונדאַנען.

נאָכמיטאָג האָט דער פעטער געדונגען א פור קיין ביעליני, ער דאַרף שוין אָפפאָרן. דאָס געזעגענען זיך מיט זיי איז געווען פריקרע. איך האָב אים געהאָלפן פאַקעווען די פאָר טראַנטעס אויף דער פור. דער היינטיקער אָוונט איז געווען זייער אַ פריקרער, ס׳איז קיינער נישט געווען, בלויז איך, די מאַמעשי און דער טאַטעשי.

12 מערץ: דער טאַטעשי האָט מיך אויפגעוועקט זייער פרי. איך בין אויפגעשטאַנען און דער טאַטעשי איז געגאַנגען וועקן דעם פורמאַן. דער טאַטעשי איז באַלד געקומען ער האָט געזאָגט, אַז דער פורמאַן איז גאָר נישטאָ אין דער היים, מיר וועלן מוזן וואַרטן ביז אין דער פרי און דינגען עמעצן אַנדערש, און דאָ איז ערשט 4 אַזייגער. די מאַמעשי האָט איינגעהייצט און מיר זענען געזעסן און זיך געוואַרעמט. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, ווען עמעצער האָט אָנגעהויבן קלאַפן אין לאָדן. דאָס איז געווען דער פורמאַן, וואָס דער טאַטעשי איז אים געגאַנגען וועקן. ער האָט זיך געפרעגט, פאַרוואָס דער טאַטעשי איז נישט געקומען נאָך אים, ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט. מיר האָבן זיך דערפרייט, מע וועט נישט דאַרפן גיין זוכן עמעצן אַנדערש. מיר האָבן געבראַכט צו פירן דעם שליטן און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום אָפפאָר. אין א שעה אַרום האָט ער געבראַכט צו פירן דאָס פערד. איך בין געגאַנגען פאָרויס אָן דעם באַנד. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען האָב איך קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן אַזוי האָט מיר דאָס האַרץ צונויפגעדריקט. ביי א פינף קילאָמעטער בין איך געגאַנגען אינגאַנצן באַוווסטלאָז, נישט וויסנדיק

אויף וואָס פאַר אַן אופן איך בין אַזוי שנעל געגאַנגען. דעם גאַנצן וועג האָט די פור מיך נישט געקאָנט דעריאָגן. גייענ־דיק מיטן וועג האָב איך זייער געציטערט, ווען גאָט באַהיט עמעצער זאָל אונדז טרעפן, דאַן... אַ דאַנק גאָט מיר זענען דערפאָרן בשלום. ווען אַלץ איז געוואָרן איינגעשטעלט האָבן מיר אָפּגעגעסן פרישטיק. נאָכן מיטאָג האָבן מיר אַרויפגע־טראָגן אויפן בוידעם פאַרשידענע נישט נויטיקע דערווייל זאַכן, וואָס איז אין שטוב נישט נויטיק.

לויט דער פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר ה. פראַנק פון 23־טן נאָוועמבער 1939 האָט פון 1־טן דעצעמבער 1939, די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג (פון 10 יאָר אָנהייבנדיק) באַדאַרפט טראָגן אויפן רעכטן אַרבל פון אויבערשטן מלבוש אַ ספּעציעלן ווייסן באַנד פון 10 צענ־טימעטער די ברייט מיט אַ בלויען מגן־דוד.

13 מערץ: כאָטש מיר זענען ערשט געקומען צו פאָרן זענען מיר נישט ווי קיין פרעמדע אין באָדזענטין, יע־דער באַהאַנדלט אונדז זייער גוט, ווי ברידער; וועגן דער מו־מען מיטן פעטער איז שוין אָפּגערעדט.

16 מערץ: אין דער היים איז געווען אַנדערש ווי דאָ. שטענדיק איז געווען עפּעס צו טאָן, און דאָ גיי איך אַרוים אויף דער גאַס און קום צוריק, וואָרום וואָס וועל איך טאָן אויף דער גאַס. זייענדיק אין דער היים האָט עמעצער געזאָגט, אַז אין קראַינאָ זענען דערשאָסן געוואָרן 4 יידישע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קעלץ. צוויי מענטשן זענען געוואָרן פאַווונדעט מיט אַ באַגנעט, און

צווײ, װעלכע זענען געװען א מאַמע מיט א זון, אויף טויט. הערנדיק אַזעלכע גרוילן אָן א סוף, צי קאָן מען לעבן אָן פּחד און רואיק? װען הערנדיק דאָס הייבט אָן דער מענטש װערן שרעקעװדיק.

די זשאַנדאַרמעריע איז היינט געקומען צו פֿאָרן אָבער אַלץ איז געװען רואיק. עס זענען היינט געקומען באַקאַנטע פֿון קראַינאָ, אייניקע זענען געקומען, װייל זיי האָבן מורא געהאַט צו זיין, װייל ס'איז געקומען א שטראָף-עקספּעדיציע נאָכן קאָנטינגענט און זיי נעמען צו יעדעס ביסל תבואה און אויב ס'איז נישטאָ שלאָגן זיי שוידערלעך און דאָס אָן אונטערשיד, צי א פֿרוי, צי א מאַן. דער טאַטעשי איז היינט אַוועקגעגאַנגען קיין קראַינאָ, דאָרט װעט ער איבערנעכטיקן, און מאָרגן װעט ער פֿאָרן קיין קעלץ.

17 מ ע ר ץ: פֿאַרשידענע רעיונות פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח. צי װעט דער טאַטעשי האָבן אונטערגעשריבן דעם פּאַסירשיין, װען ער װעט קומען, און אַז ער װעט נישט האָבן אונטערגעשריבן דעם פּאַסירשיין? צייטנווייז זענען מיר אונטערגעקומען געדאַנקען איינגאַנצן אָן שום זין. א גאַנצן טאָג האָב איך אַרויסגעקוקט צי דער טאַטעשי גייט נישט. איך האָב זיך שוין געלייגט שלאָפֿן און דער טאַטעשי איז נאָך נישט געװען. דורכן שלאָף האָב איך דערהערט, אַז דער טאַטעשי איז שוין דאָ, איך האָב זיך אָנגעטאָן און אַריינגעגאַנגען אין קיך. דעם פּאַסירשיין האָט מען דעם טאַטן אונטערגעשריבן, אויסשטרייכנדיק באַדזענטין. גילטיק איז ער נאָר דינסטיק און פֿרייטיק ביז דעם 1-טן אַפּריל. אויף אַזאַ אופֿן

באַמיען זיי זיך צו באַגרענעצן די יידן, אַז זיי זאָלן איינגאַנצן אויסשטאַרבן מיט אַ הונגער־טויט. אַ קילאָגראַם קאָרן קאָסט שוין אין דעם יידישן קוואַרטאַל 9 זל., אַ קילאָגראַם קאַרטאָפל 3.20 זל. אַזעלכע שווינדלעכע פרייזן זענען אָנגעוואַקסן אויף שפייז־פּראָדוקטן. איצט ערשט וועט דער אָרעמער שטאַנד אויסשטאַרבן פון הונגער.

אין שטעטל באָדזענטין האָט ביז דער מלחמה געוווינט ביי אַ טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט שוסטעריי, שטעפעריי, שניידעריי, ווי אויך מיט קליין־האַנדל. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע איז די צאָל יידן אין באָדזענטין באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איבערפירן אַהער די יידישע באַפעלקערונג פון פלאָצק, און שפעטער פון די אַרומיקע דערפער. אַזוי איז אין יאָר 1940 געווען אין באָדזענטין ביי אַ 1.400 יידן און אין מאַי 1941 שוין ביי 3.700 יידן. עס איז דעריבער קיין שום וואונדער נישט, וואָס עס האָט דאָ געהערשט שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען און אין רעזולטאַט דערפון אויך סאַניטאַרע. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז דאָ פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אין באָדזענטין איז נישט געווען קיין געטאָ אין זין פון אַ יידישן וווינונגס־קוואַרטאַל, וואָס איז איינגאַנצן אויסגעטיילט און הערמעטיש אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. אין ראַדאָמער דיסטריקט טרעפן מיר זיך מיט פאַקטן פון דעם מין, ווי למשל, אין שידלאָוויעץ, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט אָנערקענט דאָס גאַנצע שטעטל אָדער ישוב אַלס אַ געטאָ.

18 מערץ: היינט איז געווען דער קאָמיטעט וואָס טיילט צו יידישע משפחות צו געריימערע וווינונגען. אונדז האָט ער אויך צוגעטיילט צום לאָקאַטאָר פון דער מומען. אין אָנפאַנגס האָט ער זיך אָנגעהויבן קעגנשטעלן, אָבער ער האָט געמוזט נאָכגעבן. מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ שענקל און אַלץ טוען מיר שוין דאָ.

19 מערץ: היינט גייען אַרום עפּעס אַזעלכע קלאַנגען, אַז זונטיק דאַרפֿן קומען זעקס וואַכפּאָסטנס פֿון דער פּוילישער פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע. אייניקע זאָגן, אַז זיי וועלן מאַכן אַן אָבלאַווע אַנדערע עפּעס אַנדערש אָבער קיינער ווייסט נישט גענוי. קלאָר, אַז נישט אויף קיין אַריער אַן אָבלאַווע נאָר אויף יידן. יעדער גייט אַרום צערודערט טראַכטנדיק ווו זאָל מען זיך דאָ באַהאַלטן, און געפֿינען א וועלכעס ס׳איז זיכער אָרט. אָבער ווו קאָן מען זיך איצט פֿילן זיכער בכלל אין ערגעץ נישט.

22 מערץ: עס איז שוין אָנגעקומען דער דאָזיקער אימהדיקער זונטיק. די זשאַנדאַרמעריע מיט דער פּאָליציי זענען געקומען צו פֿאָרן אָבער נישט אויף קיין אָבלאַווע. מיר האָבן נישט געוווסט צוליב וואָס זיי זענען געקומען. איבערלעבנדיק א שוידערלעכע שרעק האָבן מיר געוואַרט אויף עפּעס א מינוט, נישט ווויסנדיק וועלכע. יעדע רגע בין איך ארויסגעגאַנגען פֿאַרן טויער, עס איז געווען אַזוי שטיל ווי אַלע זאָלן האָבן אויסגעשטאָרבן, בלויז די זשאַנדאַרן האָבן געשפּאַנט אַהין און צוריק. שטייענדיק פֿאַרן טויער האָב איך זיך דערוווסט, אַז זיי מאַכן רעוויזיעס ביי יידן. אויף דער גאַס האָב איך נישט געוואַגט אַרויסצוגיין. ווען זיי האָבן געמאַכט א רעוויזיע ביי עטלעכע יידן געפֿינענדיק דאָרט פֿאַרשידענע סחורות זענען עטלעכע פֿון זיי אָפּגעפֿאָרן, און די רעשט איז געבליבן. זוכנדיק לערך נאָך אַ שעה זענען די אויך אָפּגעפֿאָרן. ביי די וואָס מ׳האָט געפֿונען פֿאַרשידענע שפּעקולאַנטישע סחורות האָט מען אָפּגעפֿירט אין אַרעסט. די קאָנפֿיסקירטע

סחורות האָבן זיי פֿאַרנומען אויף אַ לאַסט־אויטאָ, נישט באַ־
לאַמוטשענדיק לאַנג האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט. די
אַרעסטירטע האָבן זיי פֿאַרנומען קיין ביעליני.

23 מערץ: דער טאַטעשי איז געגאַנגען קיין קראַי־
נאַ, ווייל מיר האָבן דאָרט אָפּצונעמען אַ פּאָר זלאָטעס. מיר
האָבן שרעקלעך איבערגעקלערט, צי דער טאַטעשי איז דורכ־
געגאַנגען בשלום. מיר זענען אָפּגעקומען בלויז מיט דעם אי־
בערקלערן נישט וויסנדיק געני.

24 מערץ: דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר אויסגעקוקט
דעם טאַטן, נאָר ער איז נישט געקומען. איך האָב זיך שוין
געלייגט שלאָפֿן ווען עמעצער האָט געזאָגט, אַז דער טאַטע
איז געקומען, איך האָב זיך גלייך אָנגעטאָן און אַריין אין
צווייטן צימער. דער וועג איז אים אַריבער בשלום, דער טאַ־
טעשי האָט געקויפט 1 קווינטאַל קאַרטאָפֿל און פּרייטיק וועט
מען זיי ערשט ברענגען.

27 מערץ: באַלד אינדערפֿרי איז ער געקומען מיט
די קאַרטאָפֿל, און איך בין געגאַנגען קויפֿן פֿאַר דעם דאָזיקן
פֿויער אַ ביסל קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ. אַרויסגייענדיק אויף דער
גאס גיב איך אַ קוק: מענטשן לויפֿן ערגעץ אָן אַ סוף, בין איך
אויך געלאָפֿן, לויפֿנדיק אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די
אַרעסטירטע יידן קערן זיך אום צוריק. אויפֿן וועג האָב איך
קיינעם נישט געטראָפֿן ווייל זיי זענען שוין אַוועק אַהיים, בין
איך אַוועק געגאַנגען דאָרט צו זיי. די פֿרייד וועלכע איז גע־
ווען איז נישט צום באַשרייבן. אין דער וווינונג זענען זיך צו־

נויפגעקומען אַזוי פיל מענטשן, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען זיך אויסצודרייען. ווען אַלע זענען שוין געקומען האָבן זיי גע־זאָגט, אַז איינעם האָט מען דערשאָסן ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין צו גאָרנישט.

28 מערץ: אַיין אומגליק איז ווייניק, נאָר עס מוזן זיך צונויפקומען עטלעכע מיטאַמאָל. און ערשט דעמלט דערדריקן זיי דעם מענטשן. נישט גענוג, וואָס מיר זענען אַרויסגעשיקטע, וואָס מיר זענען אײנגאַנצן רואינירט, האָט מען נאָך היינט אַראָפּגעריסן דאָס שלעסל פון שטאַל און אַרויסגעגנבעט כמעט אַלץ וואָס איז געווען. — אויפכאַפּנדיק זיך האָב איך געהערט, ווי די מומע זאָגט, אַז מען האָט אונדז באַגנבעט. איך האָב עפּעס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך און אַרויס. מען האָט צוגענומען פון שטאַל דריי גענדז צוויי אונדזערע און איינע דעם פעטערס, 15 קילאָ קאָרן, 5 קילאָ מעל און 8 לאַבנס ברויט. בלויז איין גאַנדז איז געווען דעם פעטערס און דאָס אַלץ איבעריקע אונדזערס. אויף אונדזער קריטישער לאַגע פעלט נאָך דאָס אומגליק. וואָס נאָר מיר האָבן פאַרמאָגט האָט מען אונדז צוגעגנבעט עס איז נישט איבערגעבליבן אפילו קיין שטיקל ברויט. איך קאָן זיך אַפּילו נישט באַהערשן אַזוי האָב איך זיך איבערגענומען, איך האָב אפילו קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַזוי האָט מיר אין האַרץ פאַרקלעמט. דער שכן האָט געזאָגט מע זאָל נישט קלאָגן נאָר עפּעס טאָן, ווייל פון קלאָגן וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ביי דער גאַנצער סצע־נע איז געשטאַנען איינער פון פּלאָצק, די מומע האָט געזאָגט, אַז ער איז ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען און איז געווען אַ שותּף

אָבער ער האָט געלייקנט. איך האָב געזאָגט מע זאָל גיין צו זיין ברודער וועט מען אפשר געפינען א וועלכן ס׳איז שפּור. דער טאַטעשי מיטן קוזין זענען גלייך אַוועק, אין אַ פּאָר מינוט זענען זיי צוריקגעקומען, א שפּור איז פאַראַן, לעבן דער שטוב איז פול מיט בלוט. באַלד זענען מיר אַלע אהין געגאַנגען. אין אָנהייב האָט ער נישט געוואָלט אונדז אַריינלאָזן נאָר מיט פּאָליציי. אָבער מיר זענען אַריינגעגאַנגען, גלייך ביים אַריינגאַנג איז געלעגן א ברויט, מיר האָבן מער קיין באַווייזן נישט באַדאַרפט. מיר זאָגן אים: גיב אָפּ די גענדז, דאָס קאָרן, דאָס מעל, וואָס נאָר דו האָסט צוגענומען. ער האָט גאָרנישט פאַרלייקנט, ער האָט אָפּגעגעבן אַלץ. ס׳האָט זיך געמאַכט א שרעקלעכער גערודער יעדער איז געקומען זען. ווען מיר האָבן דאָס געבראַכט אין שטוב האָט זיך יעדער דאָך געפרייט. צוויי ברויטן פעלן, און די גענדז זענען שוין נישט לעבעדיק. איך בין נאָך געגאַנגען צו אים מיט דער באָבען און אָפּגענומען נאָך א קילאָ ברויט. די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין פון דער גנבה. דער פּאָליציי האָבן מיר נישט געמאָלדן, מיר האָבן נישט געוואָלט מאַכן דערפון קיין געברויך, מיר האָבן בלויז געמאָלדן אין דעם יודען-ראַט. עמעצער האָט געמאָלדן דער פּאָליציי און עס זענען געקומען צוויי פּאָליציאַנטן. דער טאַטעשי האָט נישט געהייסן מאַכן קיין פּראָטאָקאָל נאָר ער האָט געגעבן 25 זלאָטעס און זאָל זיין שטיל, ווייל דערנאָך קאָן ער אָנרעדן פאַרשידנס.

29 מ ע ר ץ: היינט איז געקומען איינער, וואָס ביי אים איז פאַרפאַלן געגאַנגען א באַליע און ער האָט זי אויך דער-

קענט ביי דעם זעלבן גנב. דערנאָך זענען נאָך עטלעכע געקו־
מען צו אים אָבער זיי האָבן גאָרנישט נישט געפונען.

2 אַפּריל: ביינאַכט איז געקומען צו פאָרן די זשאַנ־
דאַרמעריע און זיי האָבן צוריק פאַרנומען די וועלכע מען
האָט דעמלט פריי געלאָזט און צוויי פרישע. אין שטעטל האָט
זיך געמאַכט אַ פרישע פּאַניק. אַרום 11 אַזייגער בין איך גע־
גאַנגען זען ווי מע וועט זיי אָפּפירן קיין ביעליני. יעדער איינער
איז געפאָרן אויף אַ באַזונדער פור און לעבן אים פּאָליציי.

5 אַפּריל: היינט גייען אַרום קלאַנגען, אַז איינעם
פון די פאַרנומענע האָט מען דערשאָסן, און רעשט האָט מען
אַרויסגעשיקט קיין קעלץ.

6 אַפּריל: גאַנצפרי איז געקומען איינער פון ביעלי־
ני האָט ער דערציילט, אַז ס'איז אמת וואָס מ'האָט נעכטן גע־
זאָגט, אַז איינער איז געוואָרן דערשאָסן. די פרוי און די מש־
פּחה ווייסן נאָך וועגן דעם גאָרנישט נאָר ווען זיי וועלן זיך
דערוויסן וועט זיך ערשט מאַכן אַ געשריי... אונדזער סיטו־
אַציע ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער, אַז מע וועט פאַרנעמען
איינעם וועט ער אויסגעבן 10 אַנדערע און אַלץ מער מענטשן
גייען אין קבר אַריין.

10 אַפּריל: אַנטקעגן אונדז האָט מען פאַרנומען
אַ מאַן מיט אַ פרוי און צוויי קינדער זענען געבליבן. ווידער
הערט מען, אַז דער פאָטער פון די קינדער איז געוואָרן דער־
שאָסן מיט צוויי טעג פריער, אין אָוונט, און זי האָט מען
אַרויסגעפירט קיין קעלץ אַ שווער קראַנקע. די זשאַנדאַר־

מעריע זייענדיק אין סלופּי האָט פאַרנומען דריי יידן און אײן ביעליני האָט מען זיך מיט זיי צערעכנט (קלאָר אַז נישט עפּעס אַנדערש ווי דערשאָסן). אין דעם דאָזיקן ביעליני איז שוין אויף אַן אמת פאַרגאָסן געוואָרן אַ סך יידיש בלוט, איז שוין אויף אמת געוואָרן אַ יידישער בית־עולם. ווען וועט נעמען אַ סוף צו דעם דאָזקן שוידערלעכן בלוט־פאַרגיסן? אויב עס וועט זיך אַזוי לענגער ציען וועלן די מענטשן פון דער בלויזער שרעק פאַלן ווי פליגן. עס איז געקומען צו אונדז אַ פויער פון קראַי־נאָ האָט ער דערציילט, אַז זיי האָבן דערשאָסן די טאָכטער פון אונדזער געוועזענעם שכן ווייל זי איז געגאַנגען נאָך 7. עס גלוסט זיך מיר נישט גלויבן אָבער אַלץ קאָן זיין מעגלעך. אַזאַ מיידל ווי אַ בלום אַז זי זאָל קאָנען ווערן דערשאָסן וועט שוין ליידן קומען די ענדע פון דער וועלט. עס זאָל נישט זיין קיין איין רואיקער טאָג. די נערוון האָבן זיך שוין אינגאַנצן אויס־געשעפּט, אַז איך הער עפּעס וועגן אַ וועלכן ס׳איז אומגליק קריכן מיר אַרום די אויגן אין דרויסן און דער קאָפּ הייבט מיר אָן ווייטאָן, און דעמלט בין איך אַזוי דערשעפּט ווי נאָך דער שווערסטער אַרבעט. נישט נאָר איך נאָר יעדער. נישט געגוג וואָס אין יענער מלחמה האָבן די קאָזאַקן דערשאָסן מיין טאַטנס פאָטער און ער איז געווען אָנוועזנד, האָט ער דאָך שוין געהאַט גענוג ער איז דעמלט אַלט געווען 11 יאָר. איז איצט אַז ער דערזעט אַ דייטש וואָלט ער זיך אין אַ שפּאַלט פאַרשטעקט אַזוי איז ער צעררודערט.

12 אַ פּ ר י ל: היינטיקע נאַכט האָט מען צוגעגנבעט אַ קו ביי איין באַלעבאָס. די פּאָליציי האָט אַליין אָנגעהויבן

דורכפירן אַן אויספאָרשונג. זי האָט געמאַכט א רעוויזיע ביי איין יידן פון פּלאָצק און זיי האָבן געפונען ביי אים עטלעכע רינדערנע און קעלבערנע פעלן, און מען האָט אים גלייך פאַרנומען. די זשאַנדאַרמעריע וועט שוין מאָרגן האָבן וואָס צו טאָן.

אין פעברואַר און מערץ 1941 זענען קיין באַדזענטין אָנגעקומען 3 טראַנספּאָרטן (1700) יידן, אויסגעזידלטע פון פּלאָצק. אַ טייל פון זיי איז דאָ פאַרבליבן (ביי אַ 700). אין די דערגייטיקע באַדינגונגען פון באַדזענטין זענען פיל פּלאָצקער אומגעקומען פון הונגער און עפּידעמיעס. אין מעמאָריאַל פון דעם קאָמיטעט פון דער פּלאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין וואַרשע פון 10-טן מאַי 1941 צום הויפּט-ראַט פון די עלטסטע פון ראַדאָמער דיסטריקט לייענען מיר צווישן אַנדערן: „און אין באַדזענטין איז די שטערבלעכקייט געווען ממש אַן אַסטראָנאָמישע“. דער מעמאָריאַל ענדיקט זיך מיט דעם אַפּעל: „ראַטעוועט אונדזערע לאַנדסלייט פון אומקום צוליב דעם הונגער און מגפה“.

13 אַפּריל: אונדזערע שכנים זענען היינט געקומען, אַז זיי וועלן אַרויסנעמען די שאַנק. עפּעס בעסערס האָבן מיר דאָך נישט געוואָלט, וועט זיין איצט א ביסל גרויסער. מיר האָבן זיך מיט וואָס צו פרייען, דאָרט האָבן מיר איבערגעלאָזט פיר צימערן און דאָ פרייען מיר זיך מיט אַזאַ קליינינקייט, נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, נישט מיר אַליין זענען דאָך פאַרשיקט נאָר נאָך צענדליקער טויזנטער מענטשן. נאָך מיטאָג האָבן זיי צענומען די שאַנק. אויפן אָרט פון דער שאַנק האָבן זיי אַריינגעשטעלט אַ קיך-טיש, וועט איצט זיין א ביסל באַקוועמער. נאָר אַצינד וועט מען אַוועקשטעלן א קיבל און אַלץ וועט זיין א ביסל בעסער. דער טאַטע האָט

געקויפט מיט א שותף א ביסל מעל וועלן מיר באַקן ברויט אויף פאַרקויף. דער דאָזיקער שותף האָט אַ גרויסן אויוון און דאָרט וועלן מיר באַקן.

14 אַ פּ ר י ל: גלייך אינדערפרי האָב איך זיך דערוווסט, אַז די זשאַנדאַרמעריע איז געקומען און פירט דורך רעוויזיעס ביי יידן, און אַז זיי האָבן דריי פון איין שטוב צוגענומען. איצט מאַכן זיי רעוויזיעס ביי אַנדערע. ביי איין שניידער האָבן זיי געפונען זייער פיל סחורות און עטלעכע און צוואַנציק זאַקאָפּיאַנסקע פוטערס, און אים האָט מען גלייך צוגענומען. זיי האָבן געמאַכט רעוויזיעס ביי איבער א צענדליק יידן צונעמענדיק א סך סחורות. זיי האָבן געמאַכט א רעוויזיע ביי א שכן, האָבן זיי ביי אים צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט אפילו שמוציקע וועש, געניצטע אַנצוגן האָבן זיי אויך פאַרנומען. זיי האָבן צוגענומען זאַכן אינגאַנצן נישט קיין שפּעקולאַנטישע. מיר האָבן זיך זייער געשראָקן זיי זאָלן צומאָל אויך צו אונדז נישט אַריינקומען, דער טאַטעשי איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אָבער סיי ווי האָבן מיר מורא כאָטש מיר האָבן גאָרנישט אָבער ביים פעטער וואָלט זיך עפּעס געפונען. אָבער גאָט האָט געהאָלפן, אַז זיי זענען פון שכן אַרויסגעגאַנגען און צו אונדז נישט אַריין. זיצנדיק אין שטוב האָב איך דערזען, ווי א פּאָליציאַנט איז דורכגעגאַנגען און צו דער מומען איז עמעצער אַריינגעגאַנגען. איך בין גלייך אַרויס אויף די טרעפּ און דערהערט, אַז די דייטשן זענען ביי דער מומען און דער פּאָליציאַנט איז אַריין דורכן הויף. גלייך האָט דאָס האַרץ מיר אַזוי אָנגעהויבן צו קלאַפּן

D. RUBINOWICZ
•BODZENTYN•
Ul. Kielecka № 13

[illegible] zaraz z rana dowiedziałem się, że
żandarmerja przyjechała i robią rewizje u Żydów
a towar z jednego domu zabrali. Teraz robią rewizje
u innych. U jednego krawca znaleźli bardzo dużo
towaru i dwadzieścia kilka futer zakopanych. [illegible]
a jego zaraz zabrali. Zrobili rewizje u kilkunastu Ży-
dów zabierając dużo towaru. Zrobili rewizje u sąsia-
da, zabrali mu wszystko co tylko posiadał, nawet brud-
ną bieliznę, a i kawałek ubranie również zabrali. Pozbie-
rali rzeczy wcale nie paskarskie. Lękaliśmy się bardzo że-
by czasem do nas nie weszli, tatuś wyszedł z domu
ale tak się lęka[illegible] chociaż my nic nie mamy ale u wszyst-
ka coś by się znalazło. Ale Bóg dał, że od sąsiada wysz-
li a do nas nie weszli. Siedząc w domu zobaczyłem,
że policjant przeszedł, a do cioci ktoś wszedł. Wyszed-
łem zaraz na schodki i usłyszałem, że Niemcy są i że
i a policjant wszedł przez podwórko. Serce mi zamar-
ło tak [illegible] jak młotem. Do domu już nie wszedłem

D. RUBINOWICZ
•BODZENTYN•
Ul. Kielecka № 13

ווי מיט א האַמער. אין שטוב בין איך שוין נישט אַריין נאָר איך בין זיך פּאַמעלעך אַוועק מיט דער גאַס. פּאַרדרייענדיק אין אַ זייטיק געסל האָב איך דערזען, אַז זיי גייען שוין אַרויף אויפן בוידעם, איך זאָג אָהאָ — זיי וועלן שוין צונעמען אונ־דזער ביסל קאָרן. איך האָב שוין נישט געוואַרט וואָס ווײַ־טער וועט זיין נאָר איך בין אַוועק ווייטער. איך האָב גע־טראָפן דעם טאַטעשי האָט ער שוין געוווסט, אַז זיי זענען דאָ. זיצנדיק אין שטוב פון איינעם א באַקאַנטן האָב איך געטראַכט, אַז דאָרט איז שוין פון אַלץ קיין סימן נישט פאַרבליבן. אין דעם איז אָנגעקומען דער קוזין און דערציילט, אַז זיי האָבן פאַרנומען זיין ברודער און ער האָט געזען ווי זיי נעמען אַראָפּ די ראַם פון ראָווער, און מער האָט ער גאָרנישט געזען. מיין שרעק האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט ווען איך האָב דער־הערט, אַז מען האָט דעם קוזין צוגענומען. דער קוזין האָט אָנ־געהויבן וויינען, מע וועט אים דאָרט שלאָגן, ער וועט דאָרט ליידן אַזעלכע שרעקלעכע יסורים. איך האָב געשיקט א מיי־דעלע זי זאָל זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך דאָרט. אין עט־לעכע מינוט איז זי צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז זיי זענען נאָך דאָ און שרייבן איצט א פּראָטאָקאָל. דער קוזין אַליין איז געגאַנגען זיך דערוויסן. אין עטלעכע מינוט איז ער צוריק געקו־מען און געזאָגט, אַז זיי האָבן גאָרנישט פאַרנומען חוץ דעם ראָווער און ביי דער שוועסטער 5 מעטער מאַטעריאַל. איך מיטן טאַטן זענען גלייך געגאַנגען אַהיים, אין שטוב איז געווען פול פון מענטשן. אַלץ איז געווען צעוואָרפן, און איצט האָט מען אויפגערוימט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קענגזייטיקע

דערציילונגען. יעדער האָט דערציילט מיט וואָס פֿאַר א פּחד און אַנגסט ער האָט געוואַרט אויף דער לעצטער מינוט כדי צו גיין אַהיים. די זשאַנדאַרן וועלכע האָבן געמאַכט די רעוויזיע האָבן זיך באַצויגן זייער העפלעך, זיי האָבן אַפילו נישט קיין געשריי געטאָן אויף קיינעם. ווען זיי האָבן גאָרנישט געפונען אין שטוב זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם. אויפן בוידעם האָבן זיי באַמערקט א ראָם פון א ראָוועד און זיי האָבן זי געהייסן אַראָפּנעמען, זיי האָבן זיך געפרעגט ווו זענען די איבעריקע טיילן האָט ער געזאָגט, אַז די גומעס און די קישקעס האָט ער אויף אַן אַנדער בוידעם, און די רעדער ביי די שוועסטער. די גומעס האָבן זיי געהייסן אַראָפּנעמען און אַז ער זאָל מיט זיי מיטגיין צו דער שוועסטער נאָך די רעדער. ווען זיי זענען געקומען צו זיין שוועסטער האָבן זיי דורכגעפירט א גענויע רעוויזיע. זיי האָבן ביי איר צוגענומען עטלעכע פּאָר הויזן, שטאָף אויף אַן אַנצוג און נאָך עטלעכע שטיקלעך סחורה. ענדיקנדיק די רעוויזיע זענען זיי צוריקגעקומען צו נעמען די ראַם. אויפן וועג האָט דער קוזין זיי געבעטן אַז זיי זאָלן דער שוועסטער אָפּגעבן כאָטש דעם דאָזיקן שטאָף. זיי האָבן גענומען בלויז דעם ראָוועד נישט גענומען ווייל זיי האָבן באַצאָלט פֿאַר אים 80 זל. און דער קוזין האָט זיך געמוזט אונטערשרייבן, ביי דער קוזינקע האָט מען קיין סחורה גאָרנישט צוגענומען אויסער די 5 מעטער, ווייל דאָס האָט ער געמוזט נעמען און שאָדן האָבן זיי אָנגעמאַכט אויף 1.500 זל. ענדיקנדיק די רעוויזיע ביי אַלעמען זענען געקומען פֿורן נאָך דער סחורה. די סחורה האָט מען געלאַדעוועט עט-

לעכע שעה. איך האָב געזען ווי דער דאָזיקער לאַגער רירט פון אָרט. 5 פורן פאַרשידענע סחורות! דורכפאָרנדיק פאַרביי אונדז איז איין פור געבליבן שטיין און די רעשט נישט, אַז דער דייטש האָט א שאָס געטאָן האָב איך געמיינט, אַז עס איז שוין דאָ א טויטער אויפן וועג, אָבער עס איז גאָרנישט נישט געשען. ער האָט בלויז אויסגעשאָסן די פורן זאָלן בלייבן שטיין. דער שניידער, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען די פוטערס, איז אַזאַ צעשלאָגענער, דאָס פּנים אין בלויע צייכנס, אָנגעשוואָלן, איז געזעסן אויף דער פור ווי א מומיע. קיין ביעליני האָט מען פאַרנומען בלויז דריי. די איבעריקע האָט מען פריי געלאָזן, מען האָט פאַרנומען דעם פון די פוטערס — סיי דעם מאַן, סיי די פרוי. דאָס שטעטל איז איצט אין א שרעקלעכער שטימונג, ווייל ווו איז דאָס געהערט, אַז ס'זאָלן זיין כסדרדיקע רעוויזיעס ביי די יידן און מע זאָל שטענדיק געפינען טריפהנע סחורות ביי זיי.

15 אַפּריל: גאַנצפרי איז געקומען א שליח פון ביעליני מע זאָל ברענגען צו פירן עטלעכע טויזנט זלאָטעס, ווען מען זיי אַרויסלאָזן. באַלד איז אַוועקגעפאָרן א פור. דער דאָזיקער שליח האָט אויך דערציילט, אַז דער פעטער האָט באַקומען א פאַסירשיין אויף א וואָך קיין באַדזענטין און קראַינאַ. מיר האָבן זיך אויך דערוווסט א גוטע נייעס, אַז דאָס וואָס מ'האָט אמאָל געזאָגט, אַז דאָס מיידל איז געוואָרן דערשאָסן, איז נישט אמת. היינט האָבן מיר זיך דערוווסט בעסערע נייעס ווי נעכטן. דער טאַטעשי האָט נאָך געזאָגט, אַז קיין פּאַ-

סירשיינען וועט מען שוין נישט אַרויסגעבן, און פּראָדוקטן וועט מען אַרויסשיקן מיט דער פּאָסט.

16 אַ פּ ר י ל: היינט איז אָוועקגעפאָרן א פור נאָך די וואָס מ׳האָט פאַרנומען. יעדערער וואַרט מיט אומגעדולד זיי זאָלן שוין וואָס גיכער קומען. מען האָט אויך מיטגענומען מתנות פאַר די זשאַנדאַרן פאַר דעם חסד וואָס זיי האָבן די מענטשן געטאָן. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען א זייער נישט גו־טע ידיעה. עמעצער האָט געזאָגט, אַז די וואָס זענען אינ־דערפרי אַוועקגעפאָרן מיט די מתנות זענען געוואָרן אַרעס־טירט און ס׳איז נישט באַוווסט פאַרוואָס. נישט יעדער ווייסט נאָך דערפון, נאָר ווער ווייסט צי ס׳איז נישט אמת, ווייל היינט קאָן דאָס אַלץ זיין מעגלעך. ווען מיר האָבן אַזוי גע־שמועסט האָב איך דערזען, אַז די פור איז שוין געקומען. מיר זענען שנעל אַרויסגעגאַנגען זיך דערוויסן. אונדזער שכן איז אויך געווען אין ביעליני, האָט ער געזאָגט, אַז מע וועט זיי נישט אַרויסלאָזן דאָס איז בלויז געווען אַזאַ קאָמבינאַציע, נאָר וועלכע איז נישט באַוווסט. ער האָט אויך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער שניידער פון די פוטערס איז מעגלעך שוין דער־שאָסן. דאָ האָבן מיר זיך געפרייט, אַז מע וועט זיי אַרויסלאָזן, האָסטו דיר. ווען ס׳איז פאַראַן כאָטש א ברעקעלע האָפענונג, עס טוט א שיין איין שטראַלעכל פאַר אונדז אַזוי קומט באַלד עפּעס שטורעם און ס׳איז שוין נאָך אַלץ. דער דאָזיקער שניי־דער האָט איבערגעלאָזט זיבן קינדער וואָס וועלן איצט די אָרעמע יתומים טאָן, די סחורה וואָס זיי האָבן געהאַט האָט מען צוגענומען, דעם טאַטן האָט מען צוגענומען און איצט

וועלן זיי נאָך באַפעלן אַז די מאַמע זאָל זיך צושטעלן אין פּאָ-ליצײַ-וואַך. זאָל גאָט אָפּהיטן וואָס די דאָזיקע בעסטיעס טוען אָפּ מיט מענטשן.

18 אַפּריל: היינט איז אַזאַ וועטער ווי ס'איז שוין לאַנג נישט געווען. ווען ס'זאָל נאָר זיין די פרייהייט — וואָלט שוין אַלץ גוט געווען. און אַזוי איז נישט דערלויבט אַרויסצו-גיין אַפילו אין שטאָט. מיר זענען איצט געבונדן ווי הינט אויף דער קייט. אַז אַנטקעגן אונדז האָבן די עלטערן איבער-געלאָזט צוויי קליינע קינדער און זיי האָט מען צוגענומען, און פון דער צווייטער זייט ווידער האָט מען פאַרנומען דעם מאַן; ווען מע גיט אַ קוק אין זייערע פענצטער, זעט מען, אַז ס'הערשט טרויער. וועגן דעם האָט שוין יעדער פאַרגעסן. איצט זענען שוין פאַראַן נייע דאגות און פרישער שטאָף צו רעדן. ווו נאָר מע גייט צי אין שטוב, צי אין קאַוויאַרניע אָדער אין אַנדערע ערטער איז יעדער רעדט וויפל מ'האָט ביי דעם צוגענומען, וויפל ביי יענעם א.א.וו א.א.וו. ווען מיר האָבן אינגאַנצן רואיק מיטאָג געגעסן, איז געקומען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ דערמאָנונג אויף 150 זל., וואָס איז געווען אַ שטראָף פאַר דעם מאָלן נאָך אין קראַינאָ און דאָס אָן שום אָפּלייגן, אויב נישט קיין געלט איז 18 טעג אַרעסט דאָ אויפן אָרט. די מאַמע איז גלייך אַוועק אין פּאָליצײַ האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט אַז העכסטנס ביז מאָנטיק באַצאָלן. מיר האָבן טאַקע נישט געהאָפט, אַז דאָס וועט אונדז מיידן אָבער היינט איז דאָך אַזוי שווער אַרויסצונעמען 150 זל. אין דער היינטיקער קריטישער צייט.

19 אַפּריל: עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון קעלץ אַז אונדזער שכנטע וועט מען נאָך היינט אַרויסלאָזן און ער איז דאָך געוואָרן דערשאָסן אין ביעליני. דער טאַטעשי האָט געטראָפן היינט איינעם אַ ייד פון ביעליני וואָס האָט זיך ערשט פון דאָרט אַריבערגעקליבן. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט זיך געזען מיטן פעטער, אַלע זענען געזונט. ער האָט דערציילט, אַז שפּייז איז דאָרט פיל ביליקער ווי דאָ. דורכגייענדיק צופעליק די גאַס האָב איך דערזען ווי די פון פּלאַצק שטופּן זיך ערגעץ אַזוי שטאַרק איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זיי באַקומען דאָ פּריוואַט אַ מיטאָג. אַ טומל, יעדער וויל זיין דער ערשטער צו קריגן די צוויי קאַרטאָפל מיט וואַסער. איך האָב געזען אויך היינט ווי מע צעגיסט דעם מיטאָג אין קיך. איינער זאָגט: מיר קומט אויף דריי פּערזאָן פּאַרוואָס האָב איך באַקומען אויף צוויי א.א.וו.

20 אַפּריל: מיר זענען היינט אויפגעשטאַנען פריער ווייל מיר מוזן פאַר איינעם אָפּמאָלן אַ ביסל קאָרן. אויף אַכט איז שוין געווען אָפּגעמאָלן. דער טאַטע איז אַוועק צו דער ראָגאַטקע אפשר וועט ער עפּעס קויפן. אין עטלעכע מינוט איז געקומען דער ברודער און געזאָגט, אַז די זשאַנדאַרמעריע פאָרט, ס'האָט זיך באַלד געמאַכט אַ בהלה, איך בין אַוועק אָפּרוימען די זשאָרנעס. ווען די זשאַנדאַרן זענען אָנגעפאָרן איז צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען דער בחור וואָס האָט געמסרט דעם פעטער וועגן ראָווער און ער איז אַריינגעטרעטן צו זיי. איצט איז ער אַוועק עמעצן אַנדערש מסרן. דער טאַ-

טעשי האָט געזאָלט גיין באַצאָלן די שטראָף נאָר ער איז נישט געגאַנגען ווייל די זשאַנדאַרן זענען דאָרט איצט פאַראַן. שפּעטער איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט און אים האָבן מיר באַצאָלט. מיר האָבן זיך נישט דערלויבט דאָס מינדסטע און דאָ מוז מען באַצאָלן אַזוי פיל געלט, עס וואָלט כאָטש געווען ווו צו פאַרדינען. אויף דער דאָזיקער שטראָף מוזן מיר פאַר-קויפן עפּעס פון דער גאַרדעראָב. אַזעלכע שווערע צייטן זע-נען אָנגעקומען אַז מען מוז פאַרקויפן די אייגענע זאַכן וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אויף זיי בלוטיק אַרבעטן נאָר פאַרפאַלן מען דאַרף דאַנקען גאָט, אַז ס׳איז פאַראַן וואָס צו פאַרקויפן.

21 אַ פּ ר י ל: אינדערפרי איז געקומען אַ פור נאָך דער שכנטע. דער פעטער האָט פאַרקויפט היינט דאָס מיסט און עס איז געקומען אַ פויער דאָס אַרויסצופירן. אַקוראַט ווען דער פויער האָט אַרויסגעפירט האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַ קאָמיסיע וועגן אָרדענונג. ווען זי איז געקומען אויפן הויף האָט דער פעטער געמוזט באַצאָלן 20 זל. אַ מאַנדאַט ווייל דער טערמין צו ברענגען אין אָרדענונג דעם הויף איז געווען ביז אין 18-טן. איך האָב שוין נישט געהערט ווי זי איז גע-קומען צו פאָרן עס איז שוין געווען אַזייגער 11 ווען זי איז געקומען.

22 אַ פּ ר י ל: די מאַמעשי איז אַריינגעגאַנגען עפּעס צו דערוויסן זיך פון איר. בעסער נישט שרייבן וועלכע טאָר-טורן זי איז דורכגעגאַנגען צוזאַמען מיטן מאַן, זי לעבט כאָטש, און ער...

24 אַפּריל: ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין באָרזענטין האָבן מיר פֿאַרמאָגט אַ פּאָר זלאָטעס. קיין גרויסע קאַפּיטאַלן האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן זיי זיך שוין אויך כמעט אויסגעשעפּט און איצט האָבן מיר באַצאָלט די שטראָף איז שוין מיט אונדז א סוף. די מאַמעשי האָט פֿאַרדינט די פּאָר זלאָטעס צי ווען זיי לאַנג זיין. כאָטש קיין גרויסע אויסגאַבן זענען נישטאָ אָבער איצט דאַרף מען אויף אַבי וואָס האָבן הונדערטער, למשל, סאַכאַרין, אַזאַ קלייניקייט האָט ער געקאָסט הונדערט שטיק 70 גר., און איצט קאָסט איין שטיק 10 גר., אַזוי, אַז אויפֿן בלויזן סאַכאַרין דאַרף מען האָבן א צוויי זלאָטעס אַ טאָג, און חוץ סאַכאַרין דאַרף מען שוין גאָרנישט? צי פֿאַרדינט מען דען אויף דעם אַלץ? אויף ווי לאַנג וועט סטייען דאָס אויספֿאַרקויפֿן די זאַכן פֿון שטוב? זאָל גאָט געבן, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס פֿריער ענדיקן אויב זי וועט זיך ציען לענגער וועט קיינער כמעט נישט איבערהאַלטן אַזאַ גרויזאַמע מלחמה און אַזעלכע שרעקלעכע יסורים.

26 אַפּריל: זיצנדיק אין שטוב האָב איך אַזוי ווי דערהערט דעם פּעטערס שטים אין דעם קומט דער פּעטער אַריין. מיר האָבן זיך נישט געריכט, אַז דער פּעטער וועט היינט קומען. ער האָט גלייך געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט פֿאַרן טאַטעשי אַ פּאַסירשיין, מיר זענען דערפֿון געווען זייער צופֿרידן. דער טאַטעשי האָט סיי ווי באַדאַרפֿט גיין קיין קראַינאָ און איצט וועט ער כאָטש האָבן א פּאַסירשיין. דער פּעטער איז אַרויס אין שטאָט עפּעס איינקויפֿן, ווען דער פּעטער

איז געקומען פון שטאָט איז ער גלייך אַוועק מיטן טאַטן. וועלן מיר כאָטש נישט אַזוי איבערקלערן.

27 אַ פּ ר י ל: באַלד אינדערפרי איז אַריינגעקומען צו אונדז דער פּרעזעס פון יידישן ראַט אין ביעליני און איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע האָט צוגעשיקט קאַרטאָפל פון קראַינאָ. איך בין גלייך געגאַנגען זיי אַראָפּנעמען, ס'איז נישט געווען קיין סך בלויז 25 קילאָ. נאָכן מיטאָג איז געקומען דער טאַטעשי און אונדז געהייסן גיין נאָך דעם קאָרן ווייל ער האָט אים איבערגעלאָזט ביי איינעם א יידן. ווען מיר האָבן אים געבראַכט האָט דער טאַטעשי געזאָגט, אַז דער קאָרן דאָס איז אונדזערער וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אויפן דאָרף. עס איז געקומען צו אונדז איינער א ייד צי מיר וועלן נישט אָננעמען קאָרן צום מאָלן. איך בין באַלד מיט אים געגאַנגען און געבראַכט 15 קילאָ קאָרן. פאַרנאַכט איז עס שוין געווען פאַרטיק. מע דאַרף זיך גוט אָנהאָרעווען איידער דאָס צעמאָלט זיך, אָבער קיין אַנדערע פאַרדינסטן זענען דאָך נישטאָ מע זאָל דאָס גרינגשעצן. מיר מאָלן דאָך נישט צום ערשטן מאָל, מיר מאָלן יעדן טאָג פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט. ביי אַזאַ שווערער אַרבעט, וואָס פיר מענטשן זענען ביי איר פאַרנומען, קאָן מען פאַרדינען העכסטנס 30 זל. פאָריקע נאַכט איז פאָרגעקומען אַן אָנפאַל אין הויף און היינט אין מיטן העלן טאָג אַרום 4 האָט מען אין דער היגער באַנק אָנגעקלונגען נאָך דער זשאַנדאַרמעריע, וועט זי קומען מאָרגן.

28 אַפּריל: איך מיטן טאַטן זענען מיר אַרויסגע־
באַנגען פרי־פאַרטאָג קיין קראַינאַ. אויפן וועג האָט אונדז אָנ־
געיאָגט אַ פור און מיר זענען מיטגעפאָרן מיט איר. פאָרנדיק
האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך פאָר אַהיים באַלד האָב
איך זיך איינגאַנצן איבערגעענטפערט די חלומות. אינגיכן
האָב איך זיך באַזינט, אַז דאָס זענען בלויז פוסטע חלו־
מות. קומענדיק צום ציל, איז דער טאַטעשי אַוועק אויפן
דאָרף און איך האָב אויף אים געוואַרט ביי א געוועזענעם שכן.
דערנאָך בין איך אַוועק צו אונדזער שטוב האָט דער טאַטע
שוין געוואַרט אויף מיר. אַריינגייענדיק אין שטוב איז מיר
אַלין געוועזן אַזוי אומבאַקאַנט ווי מיר זאָלן דאָ קיינמאָל נישט
האָבן געוווינט. דער טאַטעשי האָט מיר געגעבן געלט איך
זאָל עס אָפּטראָגן פאַר די געקויפטע קאַרטאָפל. איך בין מיט
גרויס חשק געלאָפן איבער דער מיר באַקאַנטער סטעזשקע.
ווידער האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועל איך צו־
ריקקערן אַהיים. דאָרטן זענען די עלטערן, דאָרטן זענען אַלע
אָבער דאָס איז שנעל פאַריבער. ווען איך בין געקומען איז
דער טאַטעשי שוין נישט געווען, האָב איך מיר אָפּגעבראָטן
א פאָר קאַרטאָפל און געוואַרט אויפן טאַטן. איך האָב זיך
ספּעציעל אַוועקגעזעצט ביים פענצטער, כדי איך זאָל מ׳ך
קלאָרער דערמאָנען אין די מינוטן, וועלכע איך האָב דאָ פאַר־
בראַכט. איך בין נישט געזעסן זייער לאַנג ווייל ס׳איז מיר
געוואָרן עפּעס זייער א שאָד און איך האָב געמוזט אַרויסגיין
פון צימער ווייל איך וואָלט זיך צעוויינט. איך בין גלייך
אַוועקגעגאַנגען אָפּנעמען א פאָר גראָשן אָבער ווו דאָרט...

אַז מען איז געזעסן אויפן אָרט האָט מען שנעלער געקאָנט אָפּנעמען און אַזוי איילן זיי זיך נישט. איך האָב נאָר געקריגן 1 ליטער מילך אויף צוויי ערטער, דעם ½ ליטער האָבן מיר באַלד אויסגעטרונקען מיט ברויט, אַ ביסל אָפּגערוט און געלאָזט זיך גיין אַהיים פריער ווייל די זשאַנדאַרן קאָנען אונדז נאָך טרעפן, כאָטש מיר האָבן אַ פּאַסירשיין איז בעסער נישט צו טרעפן זיך. דערהערנדיק עפּעס אַ פור זענען מיר אַריין אין וואַלד. זייענדיק אין וואַלד האָב איך באַמערקט אַז זיי זענען שוין דורכגעפאָרן.

29 אַפּריל: נעכטן האָב איך זיך געלייגט שלאָפן איז געווען זומער, און היינט בין איך אויפגעשטאַנען איז ווינטער. עס איז אַראָפּגעפאַלן אַזאַ שניי ווי ס'זאָל זיין סוף יאַנואַר און נישט סוף אַפּריל. נישט גענוג וואָס גאָט שיקט אַראָפּ אַזוי פיל שטראָף האָט ער נאָך איינע אַראָפּגעשיקט, אַ לאַנגן ווינטער. די אַרבעטן אין פעלד האָבן שוין באַדאַרפט זיין פאַרענדיקט און דאָ זענען זיי אַפילו נאָך נישט אָנגעהויבן. עס וואָלט באַדאַרפט איצט אַלץ ווערן ביליקער געשעט דאָס פונקט פאַרקערט, אַלץ ווערט טייערער. דאָס איז נאָך גאָר נישט, דער פעטער און אַלע אין שטוב דערגייען אונדז די יאָרן. מע טאָר נישט האַקן קיין האָלץ אויפן הויף, נאָך אַנדערע קלייניקייטן וועגן וועלכע עס לוינט זיך אַפילו נישט צו רעדן. אָבער איצט איז אַ צייט ווען מען טאָר נישט רעדן נאָר אַלץ ליידן...

30 אַפּריל: זייענדיק אין קראַינאָ האָט דער טאַטעשי באַשטעלט ביי איינעם אַ פויער 1 קווינטאַל קאַרטאָפל

האָט ער זיי היינט געבראַכט. די קאַרטאָפל זענען געוואָרן געוווינן אַזוי ווי פאַר דער מלחמה פאָמעראַנצן, אַפילו איין דעקאָגראַם האָט נישט איבערגעוויגן און דערצו נאָך אַזוי שרעקלעך טייער, 1 קווינטאַל קאַרטאָפל זאָל קאָסטן 270 זלאָטעס. פאַר אַזעלכע געלטער האָט מען געקאָנט קויפן 100 קווינטאַל און נישט קיין איינעם, אָבער איצט האָט זיך אַלץ געענדערט, אַלץ.

1 מ אַ י: זייענדיק אין קראַינאָ האָב איך מיר געבראַכט עטלעכע בינטלעך שטשיפּיאָרעק. היינט האָב איך געהאַט צייט האָב איך זיי מיר פאַרזעצט אין בלומענטעפּ. איך האָב נאָך אַפילו נישט פאַרענדיקט דאָס פאַרזעצן ווי דער טאַטע שי האָט מיך גערופן מאָלן איבערלאָזנדיק אַלץ אין דרויסן, דער ברודער האָט באַדאַרפט אויפרוימען. ענדיקנדיק דאָס מאָלן בין איך אַריינגעגאַנגען אין שטוב. ווען דער טאַטעשי איז געקומען אַהיים האָט ער זיך אָנגעהויבן זייער דענערווירן אויף מיר, פאַרוואָס איך האָב צעוואָרפן דאָס האָלץ אין האָלץ־קעמערל און ער האָט מיך גלייך אָנגעהויבן שלאָגן. איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין צייט צונויפצולייגן דאָס האָלץ, האָט ער מיך נאָך מער געשלאָגן. איך האָב זיך שוין זייער דענערווירט, פאַרוואָס ער שלאָגט מיך אָן שום סיבה. צום סוף, אַז ער האָט מיר דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ מיט דער ספּראָנטשקע האָב איך זייער שטאַרק אָנגעהויבן צו וויינען, נישט אַזוי פון ווייטיק ווי פון בייזקייט, עס זענען מיר אַפילו פאַרבליבן עטלעכע היפּשע בלויע צייכנס וועלכע האָבן מיר אויך גוט ווי געטאָן. דערנאָך האָט

Str. 140

Rok szkolny 1938/39 **Klasa** szósta

1	Nr p. Nazwisko i imię ucznia	16. Rubinowicz Dawid		
2	Imię ojca i matki	Josek, Tauba		
3	Data (dzień, miesiąc i rok) i miejsce (miejscowość i powiat) urodzenia	27 lipca 1927 Kielce		
4	Wyznanie	mojżesz.		
	W którym roku szkolnym wstąpił do szkoły i do której klasy	1934/35 do I kl.		
	Nazwa szkoły i klasy do której uczeń uczęszczał przed wstąpieniem do tej szkoły			
	Który rok jest w danej klasie	pierwszy		
	Oceny ustalone z końcem okresu	I	II	III
	z sprawowania się	bdb	bdb	bardzo dobry
	z religii	—	—	
	z języka polskiego	db	db	dobry
	z języka	—	—	
	z historii	db	db	dobry
	z geografii	db	db	dobry
	z nauki o przyrodzie	db	db	dobry
	z arytmetyki z geometrią	bdb	db	dobry
	z rysunków	db	dst	dobry
	z zajęć praktycznych	bdb	bdb	bardzo dobry
	ze śpiewu	dst	dst	dostateczny
	z ćwiczeń cielesnych	db	db	dobry
		—	—	

		I	II	III	Razem
Liczba opuszczonych godzin	w okresie				
	ogółem	11	9	10	30
	z powodów usprawiedliwionych	—	5	—	
Liczba spóźnień		—	—	—	

Decyzja Rady Pedagogicznej w końcu roku szkolnego w sprawie promowania ucznia	Przechodzi do klasy siódmej
Data wydania świadectwa	
Wypisy ocen niedostatecznych i uwagi	Wydano świadectwo szkolne 21.VI.1939 r.

ער מיך געהייסן, נאָך דעם אַלעמען גיין מאָלן. ווי זשע האָב איך געקאָנט מאָלן, אַז ס׳איז מיר שווער געווען צו רירן מיט דער האַנט. ווען נישט די מלחמה וואָלט איך אין דער היים נישט געווען, איך וואָלט שוין פון לאַנג געווען ביי א וועלכער ס׳איז מלאכה, און אַזוי איז מען געצוווּנגען צו ליידן. דער טאַטעשי האָט מיך אויך אינגאַנצן נישט ליב, כאָטש ער זשאַלעוועט גאָרנישט אויב ס׳איז נאָר פאַראַן. ער פילט נאָר, אַז דאָס איז זיין פליכט, און נישט ווי עס באַדאַרף זיין. א גאַנצן טאָג איז געווען א גערייד נאָר וועגן מיין פאָרפאַל.

2 מ אַ י: אין אָוונט זענען געקומען צו אונדז אַלע פונעם פעטער, מ׳האָט גערעדט וועגן דעם נעכטיקן שלאָגן. דער טאַטע אַמפּערט זיך כסדר מיט דער מאַמעשי, פאַרוואָס זי רופט זיך אָן, ווען ער שלאָגט מיך. עס איז אַפילו דערגאַנגען צו אַן ערנסט מחלוקת. איך מיין, אַז א פאָרפאָלק דאַרף נישט זיין אין א שטענדיק קריגעריי, ווי מיינע עלטערן, אָבער דאָס איז שוין נישט פון היינט.

3 מ אַ י: דער פעטער איז געקומען פון ביעליני און געבראַכט מיט זיך א פּאָר קילאָ קאָרן. עס איז אויך געקומען דער פרעזעס פון ביעליני און האָט געבראַכט דעם טאַטן א פּאַסירשיין אויף דריי טעג, פון מאָרגן אָנהייבנדיק.

5 מ אַ י: עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז ביינאַכט וועט זיין אַן אָבלאַווע אויף יידן. דער טאַטעשי איז פון נעכטן נישטאָ אין דער היים עס קאָן מעגלעך זיין אַז ער וועט קומען היינט אין דער סאַמער אָבלאַווע. מיר האָבן אָנגעשריבן

א ברירה זיי זאָלן היינט נישט קומען, אַקוראַט איז געווען דאָס יינגל פון קראַינאָ האָבן מיר אים געגעבן.

6 מאַי: א שרעקלעכער טאָג. אַרום 3 האָט מיך אויפגעוועקט עפּעס א קלאַפּן. דאָס האָט שוין די פּאָליציי גע־מאַכט די אָבלאַווע. איך האָב זיך נישט איבערגעשראָקן, דער טאַטעשי און דער קוזין זענען אין קראַינאָ און זיי ווייסן, און די איבעריקע קוזינען האָבן זיך באַהאַלטן. אין עטלעכע מי־נוט האָב איך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר, דער פּעטער האָט זיי גלייך געעפנט. עס איז אַריינגעקומען א פּוילישער פּאָלי־ציאַנט און א יידישער. זיי האָבן אָנגעהויבן גלייך זוכן, איי־נער האָט מיך דערזען און באַפוילן זיך אָנצוטאָן נאָר דער צווייטער האָט מיך געפרעגט וויפל איך בין אַלט, איך האָב אים געזאָגט, אַז 14, האָט ער מיך געלאָזט צורו. זיי האָבן א ביסל געזוכט אָבער זיי האָבן קיינעם נישט געפונען האָבן זיי בלויז צוגענומען די צוויי פון פּלאַצק. כאָטש איך האָב קיין מורא נישט געהאַט דאָך האָט עס מיט מיר געטרייסלט ווי אין פיבער. ווען זיי זענען אַוועק בין איך גלייך איינגעשלאָפן. גאַנצפרי האָט די קוזינקע מיך אויפגעוועקט, ווייל דער טאַ־טעשי איז געקומען צו פאָרן מיט א פור. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרויסגעגאַנגען, דער טאַטעשי איז שוין נישט געווען ווייל ער איז גלייך אַנטלאָפן פון דער אָבלאַווע. די סחורה פון דער פור איז שוין געווען אַראָפּגענומען, אין דעם איך זע עס גייט א פּאָליציאַנט און פאַרקערעוועט אויף אונ־דזער הויף. איך בין גלייך אַרויס פון הויף, אָבער איך האָב גע־הערט די געשרייען פון פּאָליציאַנט: „ווו זענען די קאַרטאָפל?

ברענגען די רעשט!״ און ער האָט נאָך געשריגן נאָר איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט. איצט האָב איך זיך געטראַכט איז שוין נאָך אַלעמען. ווען זיי האָבן אַלין אַרויפֿגעלייגט איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין דער פּאָליציי. און דער טאַטע איז נישטאָ, וואָס וועט מען איצט אָנהייבן צו טאָן? די מאַמעשי מיט דער מומען זענען אַוועק אין דער פּאָליציי. איך בין געווען זייער צערודערט, וואָס נאָר מיר האָבן פֿאַרמאָגט איז געוואָרן צענענומען, איצט וועט מען דאַרפֿן אויסגיין נאָך אַ שטיקל ברויט. באַלד איז געקומען אַנשל און דערציילט, אַז מען האָט דעם טאַטן מיטן קוזין אויך געכאַפּט. ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן וויינען. דעם טאַטן האָט מען אונדז פֿאַרנומען, וואָס מיר האָבן באַזיצט אייגנטום האָט מען אויך צוגענומען, ערשט איצט האָב איך דערפֿילט אַ בענקשאַפֿט צום טאַטן. ווען דער סחורה האָבן מיר שוין פֿאַרגעסן נאָר די מאַמע איז געגאַנגען אין יודען־ראַט מע זאָל אַרויסלאָזן דעם טאַטן ער איז דאָך קראַנק, אָן רעצעפּטן קאָן ער נישט לעבן און אַז ער זאָל איצט גיין אַרבעטן אין אַ וועלכן ס׳איז לאַגער, דאָס איז שרעקלעך. זיי האָבן געזאָגט אַז מע וועט דעם טאַטן אַרויסלאָזן ווען ער וועט ווערן אונטערזוכט, מיר האָבן געהאַט אַ האָפֿענונג, אַז מע וועט אים אַרויסלאָזן. אויף דער גאַס בין איך נישט אַרויסגעגאַנגען ווייל מען קאָן אויך מיך כאַפּן, נאָר דער ברודער מיט אַנשלען האָבן זיי אַוועקגעטראָגן עסן. ווען אַנשל איז געקומען פֿון דער גאַס האָט ער דערציילט, אַז זיין שוואָגער האָט מען אויך געכאַפּט. די פּאַניק איז געווען אַ שוידערלעכע, יעדער איינער האָט זיך באַהאַלטן אויב ער

האָט נאָר באַוויזן און די קרובים פון די פאַרנומענע אָדער די ווייבער וויינען שרעקלעך, ווי אַזוי וויינען מיר נישט. די אָבּ־לאַווע פירן אויך דורך די ביעלינער פּאָליציאַנטן. ווען עס האָט זיך א ביסל איינגעשטילט זענען געקומען צו פאָרן צוויי אויטאָס און איינער האָט פון הינטן א פלאַטפאָרם. אַז איך האָב דערזען און א טראַכט געטאָן, אַז דער טאַטעשי וועט ווערן אַוועקגעשיקט האָב איך שרעקלעך אָנגעהויבן צו וויינען. דעם ברודער האָט דער טאַטעשי געזאָגט ער זאָל ברענגען עסן און עטלעכע פאָר וועש און אַ קליין טעפּעלע, האָב איך זיך ווידער צעוויינט ווען איך האָב געזען ווי ער פאַרנעמט דאָס. די מאַמעשי איז די גאַנצע צייט געווען אין ראַט זיך סטאַרען וועגן טאַטן, זיי האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז מע וועט אים אַרויסלאָזן. דער ברודער איז געקומען נאָך א וואַ־רעמער היטל — אָבער ער האָט שוין נישט באַוויזן... דער אויטאָ איז שוין געווען אויף דעם צווייטן מאַרק. איך האָב זיך הויך צעכליפּעט, ווען זיי זענען געווען נאָענט, איך האָב געשריגן: „טאַטעשי, ווו ביסטו, לאָמיר דיך נאָך זען" און איך האָב אים דערזען אין לעצטן וואַגאָן א פאַרוויינטן, כ'האָב אים נאָכגעקוקט אַזש ביז ער איז פאַרשוווּנדן אויף דעם שייד־וועג, ערשט איצט האָב איך אויסגעבראָכן מיט א ספּאַזמאַ־טיש געוויין און איך האָב דערפילט ווי שטאַרק איך האָב אים ליב, און ער מיך און ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן דעם 1־טן מאַי, אַז ער האָט מיך נישט ליב אַפילו איז אַ פולשטענדיקער ליגן און ווער ווייסט צי איך וועל נישט באַצאָלן דערפאַר וואָס איך האָב

אים חושד געווען און ס'איז נישט אמת. מערצעשעם אַז ער וועט קומען וועל איך פאַר אים שוין נישט זיין אַזאַ. איך האָב נאָך זייער לאַנג געוויינט און אַז איך האָב זיך דערמאָנט דאָס פאַרוויינטע פּנים פונעם טאַטעשי האָב איך נאָך מער אָנגע־הויבן צו כליפּען. דאָס טייערסטע וואָס מיר האָבן געהאַט אין לעבן האָט מען אונדז צוגענומען און דערצו נאָך א קראַנקער...

ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט איז די מאַמע אַוועק אין פּאָליציי ווייל דער זייגער דערנעענטערט זיך שוין צו צוויי. בלייבנדיק אין שטוב האָב איך דורכגעטראַכט וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט דעם טאַטן און וועלכער האָט אונדז שוין געטראָפן, אין דעם איז אָנגעקומען די שוועסטער און געזאָגט, גיי אין דער פּאָליציי נאָך מיט ווייל זיי האָבן אַלץ אָפּגעגעבן. איך בין אַהין געלאָפן מיט אַנשלען, די מאַמעשי האָבן מיר שוין געטראָפן אויפן וועג, אַנשל האָט גענומען פון איר וואָס זי האָט געטראָגן, און איך בין אַוועק מיט דער מאַמען. מיר האָבן געמוזט עטלעכע מאָל גיין איי־דער מיר האָבן עס געבראַכט צו טראָגן. קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן סאַראַ פרייד, ס'איז געווען, אָבער געווען איז דאָס אַ פרייד אָן אויבנאויפיקע, אין האַרץ איז א טרויער אויך נישט צום באַשרייבן. די מאַמעשי האָט געבעטן עטלעכע לייט פון ראַט זיי זאָלן איר מיט עפּעס העלפן אַרויסצוראַטע־ווען די סחורה, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גיין און גאָט האָט אַזוי געמאַכט, אַז מיר האָבן אָפּגענומען אָן זייער הילף. ווען מיר זענען געקומען פון דער פּאָליציי איז געקומען צו אונדז איינער א זשאַנדאַר און זיך געפרעגט צי מיר האָבן

שוין אַלץ אָפּגענומען. דאָס איז זייער אַ גוטער דייטש און ווען ניט ער וואָלטן מיר אינגאַנצן גאָרנישט נישט אָפּגענומען. די מאַמעשי איז אַזוי דערשעפּט פון דער היינטיקער איבער-לעבונג ווי עס וואָלט געווען אַזוי שוין א 4 וואָכן. ווען איך האָב זיך שוין געלייגט אין בעט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם טאַטן, איך ליג זיך דאָ אין אַ באַקוועם בעט און דער טאַ-טעשי מעגלעך האָט דאָרט אַפילו נישט קיין ביסל שטרוי און אין עפּעס א באַראַק. דאָס האַרץ האָט מיר אַזוי פאַרקלעמט, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געוויין און אַזוי וויינענדיק בין איך איינגעשלאָפן.

7 מ אַ י: די נעכטיקע סצענעס קאָן איך אינגאַנצן נישט פאַרגעסן, וואָרום ווי אַזוי קאָן מען פאַרגעסן. די מאַמעשי גייט אַלע מינוט אין ראַט זיי זאָלן מיט עפּעס העלפן. איינער האָט געזאָגט דער מאַמעשי, אַז דעם 12-טן פאָרן זיי קיין סקאַרזשיסקאָ נאָך די קראַנקע, ווען דער טאַטעשי אויך קומען צו פאָרן. וואָס קומט אונדז אַרויס דערפון, וואָס ער זאָגט צו. גאָט זאָל העלפן אַז נאָך איי-דער זיי פאָרן זאָל דער טאַטעשי קומען. יעדער איינער גייט אַרום ווי א משוגענער, ס׳איז נישטאָ קיין איין סעקונדע מע זאָל נישט טראַכטן וועגן טאַטן.

דער לאַגער פון צוואַנגס-אַרבעט פאַר יידן „האַסאַג“ (געווער-קאָנצערן „הוגאָ שניידער א. ג.“ — אַקציען-געזעלשאַפט — מיט דער באַזע אין לייפּציג) אין סקאַרזשיסקאָ-קאַמיענגע איז אין זיין ענדגילטיקער פאָרם אַנטשטאַנען ערשט אין אויגוסט 1942, אָבער זיין אָנהייב האָט זיך שוין פאָרמירט אין אַפּריל 1942. מען האָט דעמלט געבראַכט אַהער, אויסער

אַ באַדייטנדיקע טייל אָרטיקע יידן פון סקאַרזשיסקאָ, ביי אַ 2000 יידן פון קעלץ, 500 יידן פון כענצין און צווישן אַנדערע 150 יידן פון ראַדאָשיץ און 150 יידן פון באָדזענטין; צווישן די לעצטע האָט זיך געפונען דער פאָטער פון דודלען. אין דער צייט זענען די יידישע צוואַנגסאַרבעטער געווען באַשעפטיקט ביי אויסקאָרטשעווען וואַלד, ביי בויען וועגן צווישן די באַזונדערע פאַבריקן פון דעם קאָנצערן, ביי אויסלאָדעווען וואַגאָנעס אד״גל. אין דער שפּעטערדיקער צייט, נאָך אויגוסט 1942 איז אין דעם לאַגער געווען דורכשניטלעך ביי אַ 8000 יידן און אין סך־הכל איז דורך דעם לאַגער דורכגעגאַנגען ביי אַ 15.000. זיי האָבן געאַרבעט ביי קוילן, קאַרביד (ווערק „א“), ביי צוגרייטן אויפֿריים־מאַטעריאַלן (טראָטיל, סאַלעטרא, פּיקרינאַ) און ביים אָנפּילן מיט זיי די קוילן (ווערק „ב“). אין דעם לאַגער זענען אומגעקומען אין משך פון צוויי יאָר, ד. ה. אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ (פון אויגוסט 1942 ביז יולי 1944), ביי אַ 10.000 פּערזאָן, וואָס ניט בלויז זייער אַרבעטסקראַפט, נאָר אפילו זייער טויט איז געוואָרן אויסגענוצט דורך דעם קאָנצערן „האַסאַג“ (מען האָט אויף זיי אויסגעפּרוּווט אויף דעם שיסאָרט, נאָענט פון ווערק „צ“, די ווירקזאַמקייט פון דעם פּראָדוצירטן געווער).

8 מ א י: מע זאָגט, אַז היינט וועט זיין אַן אַבלאַווע, ווייל עס פעלן נאָך 120 מענטשן. יעדער מאַנספּערשוין האָט זיך באַהאַלטן, אויף דער גאַס איז זייער שטיל. שטייענדיק אויף די טרעפּ האָב איך דערזען אַז עס פאָרן דריי אויטאָס און איך האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס זענען די זעלבע וואָס מיטוואָך. באַלד האָט זיך געמאַכט א בהלה, אַלע זענען אַנטלאָפן פון די הייזער אין וואַלד אַריין, די פּאָליציי האָט שוין אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן. די מומע איז געקומען זאָגן, אַז אַזעלכע ווי איך כאַפּט מען אויך. אין אָנהייב בין איך געבליבן צעמישט, נאָר גלייך האָב איך זיך אָריענטירט אַז איך מוז זיך באַהאַלטן. איך בין אַוועק צו א פּוילישער שכנטע און דאָרט געווען. הערנדיק דעם מינדסטן שאָרך האָב איך שרעקלעך מורא געהאַט זיי זאָלן דאָ נישט קומען. די דאָזיקע שכנ־

טע האָט דערציילט, אַז די פּאָליציי גייט אין וואַלד און ווען זי האָט דאָס דערציילט האָבן זיך עטלעכע מאָל דערהערט שאָסן, איך האָב מיר געטראַכט, אַז זיכער איז שוין עמעצער דערשאָסן. אין גיכן בין איך דאָרט געווען, און די אויטאָס זענען באַלד אָפּגעפאָרן, נאָר צוויי זענען געווען פול, און דער דריטער א ליידיקער. איך בין גלייך געגאַנגען אַהיים, איך וואָלט דרייסט געקאָנט בלייבן אין דער היים, קיינער איז אפילו נישט אַריינגעקומען. אויף דער גאַס בין איך שוין נישט אַרויס דעם גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט בין איך געגאַנגען דאַווענען, ווייל ס׳איז דאָך פרייטיק. אַן אַנדערש מאָל זענען מיר גע-גאַנגען מיטן טאַטן ווי ס׳זאָל נישט האָבן געווען אומעטיק, צי פריילעך אָבער מיר זענען געווען מיטן טאַטן, און איצט... ווען מיר זענען געקומען פונעם דאַווענען בין איך געווען זיי-ער אומעטיק, פאַרוואָס נישט זיין אומעטיק, דער אָונטבברויט איז ווי נישט איז אויסקאָמבינירט דער טיש געדעקט ס׳איז יום-טוב, נאָר אַז איך טו אַ קוק אויף דעם טאַטעשים אָרט און ער זיצט נישט דאָרט, ווערט מיין האַרץ צעריסן פון רחמנות און טרויער.

9 מאַי: די מאַמעשי איז אַוועק טעלעפאָנירן קיין סקאַרזשיסקאָ צו א באַקאַנטן. זי האָט געוואַרט עטלעכע שעה ביז וואַנען מע וועט פאַראייניקן די ליניע ביז ענדלעך, מ׳האָט איר געהייסן קומען 2 אַזייגער. זיי איז נישט אייליק און עס גייט זיי נישט אָן, צוליב וואָס דאַרפן זיי זיך איילן. ווען מען זאָל זיי גלייך געבן עטלעכע הונדערט זלאָטעס, וואָלטן זיי זיך פאַראינטערעסירט, אָבער פונוואַנען זיי נעמען... מע דאַרף

עפּעס פאַרקויפן פון זיך. קיין שום זאַך איז אונדז נישט קיין שאָד, אַבי נאָר דער טאַטעשי זאָל קומען גאַנץ.

10 מאַי: די יידישע פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל, אַז עס פעלט נאָך 50 פּערזאָן. גלייך נאָך דעם דערהאַלטן פון באַפעל האָבן זיי אָנגעהויבן כאַפּן. איך בין שוין אין ערגעץ נישט געגאַנגען, איך בין געווען אין שטוב, אָבער דאַנקען גאָט זיי זענען נישט אַריינגעקומען. שטייענדיק אויף די טרעפּלעך האָט איינער אַ הער מיך אַ פרעג געטאָן צי דאָ וווינט נישט רובינאָוויטש. איך האָב אים געזאָגט יאָ. האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם ראָווער און איז ´אַריין אין שטוב. ער האָט גלייך אַרויסגענומען אַ בריוו פון טאַטן און איבערגעגעבן דער מאַמעשי. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, פונוואַנען ער איז, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז דער אויפזעער איבער די יידן אין סקאַרזשיסקאָ. נישט בלויז פאַר אונדז האָט ער געבראַכט אַ בריוו נאָר פאַר עטלעכע צענדליק אַנדערע. ס'איז זיך באַלד צונויפגעקומען אַ פולע שטוב מיט מענטשן, יעדער האָט געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן. ער איז נישט געווען ביי אונדז לאַנג ווייל ער איז געגאַנגען צו די אַנדערע איבערגעבן די בריוו. דאָס איז נישט געווען קיין גרויסער בריוו אָבער די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זענען שוין אויך גענוג. ער האָט בלויז אויף שנעל אָנגעשריבן, אַז ער איז געזונט, אַז די אַרבעט איז נישט זייער קיין שווערע, מע קאָן אויסהאַלטן נאָר אַז ער קלערט זייער איבער וועגן אונדז. ער שרייבט, אַז ער האָט צרות וועגן מיר, מע זאָל מיך נישט כאַפּן און אַז איך זאָל זיך גוט אויסבאַהאַלטן. הייסט זיך צו־

שיקן כאָטש עפּעס צום טרינקען אָדער אַ ביסל לאָקשן אין אַ פלעשל, עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און אַן ערך אַ האַלבן קילאָ ברויט און געלט שיקן דורך דער פּאָסט. זעט אויס, אַז ער האָט נישט באַקומען דאָס פּעקל דורכן דייטש, ווייל ער שרייבט נישט וועגן דעם. ער בעט אַז מע זאָל עפּעס פאַרקויפן און אים אַרויסראַטעווען פון דאָרט. דער טאַטעשי ווייסט ווי ביי אונדז איז ווייל גלייך שטרייכט ער אונטער מע זאָל עפּעס פאַרקויפן. די מאַמעשי האָט געמאַכט אַ קליין פּעקעלע און איבערגעגעבן דעם דאָזיקן הער. אין אָוונט איז שוין געקומען פון סוכעדניאָוו אַ באַקאַנטע פון מיין מומען ספּעציעל צו זאָגן, אַז מע קאָן פאַר 500 זלאָטעס אַרויסראַטעווען איין פּערזאָן, און אויב מער איז מער געלט. היינט קאָן די מאַמעשי שוין נישט גיין נאָך געלט וועט זי מאָרגן גיין ערגעץ לייען.

11 מאַי: די מאַמעשי האָט אַ שטיקל סחורה אויף אַ מאַנטל איז זי אַוועק דאָס פאַרקויפן ערגעץ אָדער פאַרזעצן אַלס משכן. זי איז באַלד געקומען און גענליען געלט, זי האָט איר גלייך געגעבן דאָס געלט. זי האָט נאָך גענומען געלט ביי עטלעכע פּערזאָן און געגאַנגען אַהיים. מיט אומגעדולד האָב איך אויסגעקוקט די פּאָסט זאָל קומען, ווייל דער טאַטעשי האָט געשריבן, אַז ער האָט שוין אַרויסגעשיקט 2 קאַרטלעך. אין אַ שעה אַרום האָט מען אונדז איבערגעגעבן אַ קאַרטל. דער טאַטעשי שרייבט, אַז ער איז געזונט, דעם זעלבן טאָג זענען זיי געקומען צו פאָרן קיין סקאַרזשיסקאָ. אין אָוונט האָבן זיי געהאַט אַ גוטן קרויט־באַרשטש אויף אָוונט־ברויט, ער האָט אַ בעט און אַ וווינונג. צומאָרגנס זענען זיי געגאַנגען צו דער

אַרבעט, צו וועלכער שרייבט ער נישט, זיי אַרבעטן 12 שעה פון 6 ביז 6. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין באָד, ער פרעגט זיך, צי מיר האָבן אָפּגענומען פון די בוראַקעס און צו מיר האָבן וואָס צו דרייען און מיט וואָס צו דרייען, דאָס הייסט צי די זשארנעס זענען נישט געוואָרן באַשעדיקט ווען מ'האָט צוגענומען די קאַרטאָפּלעס מיט די בוראַקעס. ער שרייבט אַז ס'איז אים זייער פריקרע דאָרט צו זיין און אַז ער האָט פיל עגמת־נפש פון וואָס מיר וועלן לעבן. ער הייסט זיך צושיקן א פּאָר זלאָטעס אויף ברויט, אַלטע שיך, א ביסל קיכלעך, סמעטענע און א פּאָר סאַכאַרינען. ער שרייבט צו אונדז: טייע־רע קינדער פאָלגט דער מאַמען. צוממערסטן פריקרע איז מיר געוואָרן ביי דעם לעצטן זאַץ, אפשר וועט גאָט געבן, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען. אין ראַט איז פאַראַן א מעלדונג, אַז ווער עס וויל עפּעס שיקן זאָל צוגרייטן, ווייל פון יודען־ראַט פאָרט מען מאָרגן קיין סקאַרזשיסקאָ. כאָטש מיר האָבן גע־שיקט געלט האָט די מאַמעשי דאָך אַוועקגעטראָגן א פּעקל און 20 זל. די יידישע פּאָליציי כאַפּט אויך היינט, כמעט דעם גאַנצן טאָג בין איך געזעסן ביי איינעם א פּוילישן יינגל, אין דער היים האָב איך מורא געהאַט צו זיין.

12 מ אַ י: ביינאַכט איז די יידישע פּאָליציי געווען ביי אונדז אויפן הויף, זיי האָבן געזוכט די קוזינען, אָבער זיי זע־נען נישט געווען. נאָכן פרישטיק איז די מאַמעשי אַוועק אי־בערגעבן אין ראַט פאַרן טאַטן א פּעקל און 20 זלאָטעס. די מאַמעשי איז געקומען פון ראַט איז זי געווען פאַרוויינט, כאָטש ווי איז געווען פריער, איז זי איצט נישט צופרידן, נאָר

גייט אַרום גאַנצענע טעג און וויינט. ווען מיר זאָג איך שוין גאָרנישט... די מאַמעשי האָט גערעדט מיט עטלעכע באַ־קאַנטע פון ראַט, האָבן זיי איר געזאָגט, אַז זי זאָל אינגאַנצן קיין עגמת־נפש נישט האָבן וואָרום אויב עמעצער זאָל צוריק־קומען, איז דער טאַטעשי אויך. ארום מיטאָג־צייט האָב איך דערהערט, אַז עס פאָרט עפּעס אַן אויטאָ, דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ווייל מ׳האָט געזאָגט, אַז עס דאַרפן קומען צו פאָרן 25 קראַנקע, ווער אפשר דער טאַטעשי קומען. אַזוי איז געווען, עס זענען געקומען צו פאָרן 25 פּערזאָן, אָבער דער טאַטעשי איז צווישן זיי נישט געווען. עס איז מיר געווען זייער פריקרע און פאַרוואָס אַנדערע קומען צו פאָרן, און דער טאַטעשי נישט. ווען דער אויטאָ איז שטיין געבליבן האָט מען נישט פריער אַראָפּגעלאָזט די קראַנקע איידער מ׳האָט צוגעשטעלט געזונטע. עס איז אויך געקומען פון אונ־דזער הויף איינער פון פּלאָצק. איך האָב אים געפרעגט, ווי עס זעט אויס די אַרבעט; צי ער האָט געזען דעם טאַטן, איך האָב אים געפרעגט וועגן אַלץ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך געזען מיטן טאַטן, און אַז דערווייל הונגערט ער נישט. די אַרבעט איז א שווערע, מע שניידט ביימער און מע קאָרטשעוועט אויס די וואָרצלען. מע באַקומט טעגלעך 12 דעקאָ ברויט, שוואַרצע קאַווע און אַ סך זופּ, מע קאָן זיין נישט הונגעריק ביי אַזאַ עסן. אַ בעט האָט יעדערער, און דער טאַטע איז צוזאַמען מיטן קוזין. ער האָט מיר געוויזן עטלע־כע צייכנס אויפן פנים, וואָס ער האָט באַקומען מיט דער ביימש, ביי דער אַרבעט גיט מען אויף זיי אַכטונג. ווען ער

האָט דערציילט, האָב איך זיך צעוויינט, פאַרוואָס האָט מיין טאַטעשי געטראָפן אַזאַ שרעקלעכער גורל. סיידן אַז ער האָט זיך אַזוי פאַרדינט ביי גאָט.

13 מ אַ י: באַלד אינדערפרי איז די מאַמעשי אַוועק צו דערוויסן זיך צי מ׳האָט איבערגעגעבן דאָס פעקל. קיין שום בריוו האָט דער טאַטעשי נישט צוגעשיקט, גאָרנישט, און אין ראַט האָט מען געזאָגט, אַז אַלץ האָט מען איבערגעגעבן. מיר האָבן זייער איבערגעקלערט פאַרוואָס דער טאַטעשי האָט קיין שום קאַרטל אַפילו נישט צוגעשיקט, נאָר אַז ער האָט גאָרנישט צוגעשיקט, איז אומזיסט אונדזער עגמת־נפש, אַז מיר וויסן גאָרנישט.

14 מ אַ י: ווען די מאַמעשי איז געגאַנגען אין גאַס האָט זי אַ רוף געטאָן איינער פון ראַט און איר געגעבן א פעקל וואָס דער טאַטע האָט צוגעשיקט ווייל נעכטן האָבן זיי פאַרגעסן איר צו געבן. דער טאַטעשי האָט צוגעשיקט די שמוציקע וועש און די קוזינען האָבן אויך צוגעשיקט. אין פעקל זענען אויך געווען דריי בריוו. דער טאַטעשי שרייבט, אַז ס׳איז אים זייער פריקרע פאַרוואָס מיר שרייבן אים נישט קיין בריוו וואָס מיר שיקן אָדער עפּעס אַנדערש. זעט אויס אַז מ׳האָט דעם טאַטעשי נישט איבערגעגעבן דעם בריוו. ער שרייבט, אַז איך זאָל זיך באַהאַלטן, ווייל עס וועלן נאָך זיין אָבלאַוועס, הייסט מיר זיך איבערקליידן ווי א פרוי. ער בעט מע זאָל אים צושיקן א פּאָר זלאָטעס און ווו מיר זאָלן זיי נע־מען ווייסט ער נישט און ווו מיר זאָלן נעמען געלט אויף אונ־

דזערע הוצאות, ווייסט ער אויך נישט. ער שטרייכט אונטער מע זאָל עפּעס פאַרקויפן און אים אַרויסראַטעווען, אויב מע קאָן נאָר. איך האָב זיך גוט אויסגעווײנט פון אַזאַ טרויעריקן בריוו. ווען איך האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט בין איך געגאַנגען איבערלייענען די בריוו פון די קוזינען. זיי שרייבן דאָס זעלבע, וואָס דער טאַטעשי און אַז מע זאָל זיי אַרויסראַטעווען. לייענענדיק די בריוו האָב איך זיך געטראַכט, מיר דאָ זענען אויף דער פריי (אַזאַ פרייהייט ווינטש איך אַ הונט, אָבער אונדז איז פאָרט בעסער דאָ איידער דעם טאַטן דאָרט), און דער טאַטעשי דאָרט גייט אוים קאָן זיין נאָך אַ שטיקל ברויט. אַך! דאָס איז זייער שרעקלעך...

14 מ אַ י: היינט איז אויסגעהאָנגען געוואָרן אַ מעלדונג, אַז מע קאָן שיקן פּעקלעך קיין סקאַרזשיסקאָ ווייל עס גייט אַ פור. די מאַמעשי האָט גלייך געמאַכט אַ פּעקל, איך האָב זיך אַפילו באַמיט וועגן אַ מעסער פאַרן טאַטן. אין אָוונט איז געקומען צו אונדז איינע אַ פריילן און האָט געזאָגט, אַז מאָרגן פיר פאַרטאָג וועט קומען די זשאַנדאַרמעריע, נאָר ס׳איז נישט באַוווּסט צוליב וואָס. נישט וויסנדיק נאָך גאָרנישט וואָס עס וועט זיין האָבן מיר זיך זייער געשראָקן.

15 מ אַ י: פיר פאַרטאָג זענען געקומען עטלעכע אויטאָס, מיר האָבן געמיינט, אַז מע גייט שוין אַלעמען אַרויסשיקן. פון דער שרעק האָב איך באַקומען שרעקלעכע ווייטיקן און געמוזט אַרויסגיין. איך האָב נישט באַוויזן צו עפענען די טיר ווי איך האָב דערזען, אַז אויף דער צווייטער זייט גאַס

שטייט אַ דייטש און קוקט גלייך אויף מיר. איך בין שוי:
נישט אַרויסגעגאַנגען און די טיר געלאָזט אָפן, איך בין גע־
ווען זייער איבערגעשראָקן און האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל
נישט אַריינגיין אין שטוב; ער איז לאַנג נישט געשטאַנען
ווייל ער איז גלייך אַוועק. יעדער איז געווען אין שטוב אָדער
אַרויסגעגאַנגען פאַרן טויער אָבער אויף דער גאַס איז קיינער
נישט אַרויס נאָר יעדער איז געשטאַנען אין כסדרדיקער שרעק.
שטייענדיק ביים פענצטער האָב איך דערזען אַ פור מיט
דייטשן און ציווילע פאַרקאָוועטע אין קייטן, עס איז דורכגע־
פאָרן איין פור אַ צווייטע אַ דריטע און אַ פערטע. אויף יע־
דער פור וויפל עס זענען געווען ציווילע אַזויפיל זענען געווען
דייטשן. די דייטשן זענען געווען זייער באַוואָפנט, אין העל־
מען, זיי האָבן געהאַט גראַנאַטן מיט זיך און קוילנוואַרפער.
מיר האָבן זיך שוין אַ ביסל באַרואיקט ווען מיר האָבן געזען,
אַז אונדז לאָזט מען צורו. זייענדיק אין שטוב האָב איך דער־
הערט, אַז די יידישע פּאָליציי איז ביי דעם פעטער, דערנאָך
איז געקומען די שוועסטער און געזאָגט, אַז זיי זענען געקו־
מען נאָך דער שאַנק ווייל דער פעטער האָט נישט באַצאָלט
קיין שטייער אין ראַט. די פּאָליציי איז גלייך געקומען מיט
אַ פור און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסטראָגן די שאַנק אַלע
האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָבער קיינער האָט זיך קיין עצה
נישט געגעבן און מ׳האָט זי אַרויסגעטראָגן. ווען מ׳האָט זי
אַרויפגעלייגט אויף דער פור האָט דער פעטער זיך שטאַרק
דענערווירט און ער האָט פאַרהאַלטן די פור, גלייך איז צוגע־
גאַנגען אַ פּאָליציאַנט און האָט אָפּגעשטופּט דעם פעטער,

דער פעטער האָט אים גלייך א קלאַפּ געטאָן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן. אַלע זענען צו און געוואָלט צערייסן, מען האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו שרייען, די זשאַנדאַרמעריע האָט דאָס דערזען, איז זי גלייך געקומען און אָנגעהויבן שיסן פון דער ווייטנס און איך-האָב אויף דעם אַלץ געקוקט. איך האָב שוין געמיינט, אַז עמעצער איז געפאַלן אַ קרבן. די קוילן זענען געפלויגן איבערן קאָפּ און איינע איז אַריינגעפאַלן דורכן פענצטער אין וווינונג פון פעטער. איין דייטש איז אַריינגעפאַלן צו אונדז און האָט אויפגעעפנט די טיר מיט אַזאַ אימפעט, אַז א שויב איז אַרויסגעפלויגן, ער האָט געפרעגט ווו דער פעטער איז און איז גלייך אַרויס, ער האָט געזוכט דעם פעטער אָבער ער האָט אים נישט געפונען. אין א וועלכער ס'איז האַלבער שעה איז געקומען די פוילישע פּאָליצײ און מ'האָט געמוזט באַצאָלן א מאַנדאַט 100 זל. ביים שיסן האָט זיך געמאַכט א שרעקלעכע פּאַניק, יעדער האָט געמיינט, אַז אַלץ וועט זיך איבערדרייען מיט די פיס אַרויף. נאָכמיטאָג זענען די דייטשן אָפּגעפאָרן, איין אויטאָ פאָרויס, אין דער מיט אויף איין אויטאָ זענען געזעסן די פּאָליאַקן פאַרקאָוועט אין קייטן און אין עק אַן אויטאָ מיט דייטשן אויף אַזאַ אופן, האָט מען זיי אָפּגעפירט.

16 מאַי: ערשט היינט איז אָפּגעפאָרן אַ פור מיט פעקלעך קיין סקאַרזשיסקאָ. די מאַמעשי האָט נאָך דערלייגט א שטיקל ברויט. די קוזינע האָט טעלעפאָנירט קיין סוכעדניאָוו האָט מען איר געענטפערט, אַז אַלץ איז דערליידיקט און היינט-מאָרגן וועלן זיי קומען.

17 מאַי: די קוזינע האָט אָפּגענומען פון איר מאַן פון סקאַרזשיסקאָ אַ פּעקל מיט שמוציקע וועש, אַ צעטעלע האָט זי אויך באַקומען. ער שרייבט אַז עס דאַרף קומען אַן אויטאָ מיט קראַנקע וועלן זיי מעגלעך אויך קומען צו פאָרן אַהיים.

דערנאָך איז געקומען דער פורמאַן וועלכער איז נעכטן געווען אין סקאַרזשיסקאָ און האָט געזאָגט אַז ער האָט זיך גע-זען מיטן טאַטן. דער טאַטעשי האָט געזאָגט, אַז אַלע פּעק-לעך, וואָס מיר האָבן אים צוגעשיקט האָט ער דערהאַלטן. פאַרן דאָקטער האָט ער זיך שוין געשטעלט 4 מאָל און ער האָט נאָך באַדאַרפט זיך שטעלן פאַר דעם דייטשישן דאָק-טער און ער ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין. נאָכמיטאָג איז געקומען דער זעלבער הער וואָס אין פאָריקער וואָך מיט בריוו. צו אונדז איז אויך געווען א בריוו. נאָכן איבערלייענען דעם בריוו זענען מיר געווען זייער פאַרקלעמט. דער טאַטעשי שרייבט, אַז מיר זאָלן זיך באַמיען אין ראַט, און אויב נישט, זאָלן מיר גיין צו דער פריילן פון סוכעדניאָוו און זי זאָל דאָס דערליידיקן. ער איז געשטאַנען פאַרן דאָקטאָר און ער וויל אים נישט באַפרייען. ער האָט אָנגעשריבן זייער נישט קיין גוטן בריוו, בעסער נישט שרייבן אַזוי גענוי מיר ווייסן נישט וואָס איצט צו טאָן, דער טאַטעשי שרייבט, מע זאָל גיין צו דער דאָזיקער פריילן פון סוכעדניאָוו וואָס מיר האָבן איר שוין געגעבן געלט, ווייסן מיר נישט וואָס איצט אָנ-הייבן צו טאָן און וואָס צו טראַכטן. נאָכן דערהאַלטן פון בריוו גייט די מאַמעשי אַרום ווי צעמישט, זי איז געווען

טלעכע מאָל אין ראַט הייסט מען איר נישט האָבן קיין עגמת־נפש ווייל אַלץ וועט גוט זיין זאָגן זיי, אַז ווי נאָר עס וועלן קומען צו פאָרן קראַנקע וועט דער טאַטעשי זיין צווישן זיי. אָבער וואָס קומט אונדז אַרויס פון דעם דאָזיקן טרייסטן, אַז ער איז נאָך אין לאַגער, אַז ער וועט זיין אין דער היים וועל איך ערשט דעמלט גלויבן אין זייער טרייסטן.

18 מ אַ י: די מאַמעשי איז היינט געווען ביים טעלע־פאָן, זי האָט גערעדט מיט דער פריילן פון סוכעדניאָוו, האָט זי געזאָגט, אַז דער קוזין האָט אָנגעשריבן צו איר פון לאַגער, אַז זי זאָל וועגן טאַטן זיך נישט באַמיען, ווייל וועגן טאַטן באַמיט זיך שוין דער ראַט פון באָדזענטין. די מאַמעשי האָט איר געזאָגט אַז זי זאָל זיך וועגן טאַטן אויך באַמיען און אַז זי זאָל קיינעם נישט הערן. היינט איז אויסגעהאָנגען אַ מעל־דונג ביים ראַט, אַז מאָרגן גייט אַ פור קיין סקאַרזשיסק קאָן מען שיקן פעקלעך. קיין פעקל האָבן מיר נישט געשיקט נאָר 50 זלאָטעס.

19 מ אַ י: היינט זענען געקומען צו פאָרן 6 דייטשן, ווייל עס דאַרף זיין אַ מאָביליזאַציע אויף פערד אין פינף גמי־נעס. עס זענען זיך אָנגעפאָרן אַזוי פיל פערד, אַז ס'איז שווער געווען דורכצוגיין. די פור מיט די פעקלעך קיין סקאַרזשיסקאָ איז אַוועק נאָך דער מאָביליזאַציע.

20 מ אַ י: מע האָט אונדז איבערגעגעבן אַ בריוו פון טאַטן, ער האָט אָנגעשריבן גאַנצע 4 זייטן און נאָך אַ שטיקל פאַפיר. ער שרייבט אַרויס אַלץ פינקטלעך, ער שרייבט, אַז

ער איז שוין געשטאַנען 7 מאָל פאַרן דאָקטער און ער וויל אים נישט באַפרייען. מאָרגן דאַרפן קומען צו פאָרן 65 קראַנקע איז מעגלעך אַז אויך ער וועט קומען. דער טאַטעשי בעט אַז אין פאַל ווען ער וועט נישט קומען זאָל מען אים צושיקן ברויט קאַרטאָפל און נאָך עפּעס אַנדערש. מיט אומגעדולד האָבן מיר אַרויסגעקוקט עס זאָל שוין זיין מאָרגן. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען ביי א פּויער אַרויסגעגנבעט די קו. מע האָט צו וויסן געגעבן דער פּאָליציי און זי האָט גלייך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. די שפּורן האָבן געפירט צו איינעם א יידן און מ'האָט געפונען דאָרט דעם קאָפּ פון אַ קו און 40 קילאָ פלייש, מע האָט אים גלייך אַרעסטירט. אַלע זענען זייער בייז אויף די יידן, אַז אַ ייד זאָל וואַגן צוגנבענען אַ קו, נישט גענוג וואָס מע פּייניקט אונדז אַזוי פון אַלע זייטן איז נאָך דאָס אַלס צולאָג.

21 מ אַ י: האַלב ניין איז געקומען צו פאָרן אַן אויטאָ מיט יידן. ווען איך האָב זיי דערזען האָט דאָס האַרץ מיר אָנגעהויבן זייער צו קלאַפּן, ווייל אפשר פאָרט דער טאַטע. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער האָב איך געזוכט דעם טאַטן, אָבער איך האָב אים נישט געזען. איך בין גלייך געלאָפן נאָכן אויטאָ, ער איז שטיין געבליבן לעבן ראַט און אַלע זענען באַלד אַרויסגעשפּרונגען פונעם אויטאָ, נאָר דער טאַטע איז נישט געווען. איך האָב זיך גוט צעוויינט פאַרוואָס זענען אַזוי פיל מענטשן געקומען, און דער טאַטע איז נישטאָ. אייניקע זענען פולשטענדיק געזונט און זענען געקומען צו פאָרן. איך האָב זיך זייער איבערגענומען דערמיט. דער טאַטע האָט אי-

בערגעשיקט עטלעכע צעטעלעך דורך באַקאַנטע מע זאָל אים שיקן א פּאָר קאַרטאָפל ברויט געקאָכטע לאָקשן און הירזש. מיר האָבן צוגעגרייט באַלד א פּעקל און אָפּגעגעבן דעם שאָפער. מיר האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז היינט איז ערב שבועות מיר האָבן אפילו גאָרנישט צוגעגרייט אַזוי שטאַרק זענען מיר געווען פאַרנומען מיט דעם איינעם. ס׳איז נאָך נישט געווען קיין איין יום־טוב אַז דער טאַטע זאָל נישט זיין, און היינט נישט נאָר וואָס ער איז נישטאָ, נאָר ער איז נאָך אין לאַגער.

22 מ א י: זייענדיק ביי דעם דאַוועגען האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָכן טאַטן. איך האָב געזען ווי אַנדערע קינדער שטייען לעבן די פאָטערס, און וואָס זיי וויסן נישט ביים דאַוונען ווייזט זיי דער פאָטער, און מיר ווער ווייזט... איין גאָט זאָל אַריינגעבן אין מיר אַ גוטן געדאַנק איך זאָל גיין מיטן גלייכן וועג... ס׳איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פריקרע ווי היינט ביים דאַוונען, ווען האָט מיר געזאָלט זיין אַזוי פריקרע? גאָט זאָל געבן דער טאַטעשי זאָל אינגיכן קומען געזונט. מיר האָבן טעלעפאָנירט קיין סוכעדניאָוו האָט זי געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך נישט דערליידיקט.

23 מ אַ י: היינט האָט מען גענומען די אַרעסטירטע יידן צוליב דער קו אין תפיסה, און איינעם אַן אומשולדיקן האָט מען אַרויסגעלאָזט.

25 מאי: זייער פרי איז געקומען דער פעטער פון ביעליני, ער האָט אונדז גלייך געזאָגט, אַז ער האָט באַצאָלט 20 זלאָטעס אַ מאַנדאַט, אויף דער היינטיקער קריטישער צייט ווען מע פאַרדינט אפילו נישט די 20 זלאָטעס. דעם מאַנדאַט האָבן זיי באַצאָלט דערפאַר, ווייל זיי זענען געגאַנגען עטלעכע, ווייל איין ייד האָט נישט געהאַט קיין פאַסירשיין, און ער האָט נאָך אַזוי אויך געהאַט אַ גרויס גליק, וואָס מען האָט אים באַלד נישט פאַרנומען מיט זיך. דער פעטער האָט לאַנג נישט באַלאַמוטשעט און איז געגאַנגען אַהיים. היינט האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַ מעלדונג, אַז מאָרגן פאָרט דער ראַט קיין סקאַרזשיסקאָ, קיין ספּעציעל פּעקל וועלן מיר נישט שיקן בלויז געלט וועט ער מעגלעך באַקומען ברויט פונעם ראַט, מיר שיקן אַ קליין פּעקעלע און מיר וועלן עס אַריינלייגן אין פּעקל פון דער קווינקע.

27 מאי: דער ברודער האָט געבראַכט פון ראַט אַ פּעקל פאַר אונדז און אַ בריוו. דער טאַטעשי האָט צוגעשיקט זיין סוועטער, אַ שאַל, וואַרעמע וועש און ער האָט צוריק אָפּגעשיקט אַ ריין קאָלירט העמד וואָס מיר האָבן אים געשיקט, און ער הייסט זיך שיקן ווייסע וועש. דער טאַטעשי פרעגט זיך פאַרוואָס מיר שרייבן אים נישט אָפּט ווייל ער האָט אַזויפיל פאַרגעניגן ווען ער דערהאַלט אַ בריוו פון דער היים לייענט ער אים עטלעכע מאָל טעגלעך. מאָרגן דאַרף ער שטיין פאַר אַ קאָמיסיע ווייל ער קען נישט אַרבעטן. דער טאַטעשי שרייבט, אַז אין דעם אַלץ איז שולדיק אברהם. ער הייסט זיך שיקן פון דער היים אַלערליי עסנוואַרג און נישט

קיין געלט ווייל דאָרט קאָסט טייער. ער פרעגט זיך אויס
ווען אַלץ, צי מיר האָבן האָלץ, צי מיר האָבן נאָך קאַרטאָפּל
און צי מיר הונגערן נישט גאָט באַהיט. ער פרעגט ווו מיר
נעמען געלט אויף אַלץ, ווען ער זאָל וויסן, אַז מיר האָבן דאָס
וואָס מיר דאַרפן, וואָלט ער געווען רואיק. אַזוי טראַכט ער
גאַנצע נעכט בלויז וועגן דעם און קאָן נישט שלאָפן. ער הייסט
זיך צושיקן אומבאַדינגט דאָס דאָזיקע געלט וועט ער זיך
דאָרט גיכער געבן אַן עצה, ווען ער זאָל געווען האָבן אין דער
פאָבריקער וואָך געלט, וואָלט ער מיט דער צווייטער טור גע-
ווען געקומען אַהיים. דער טאַטעשי שרייבט, אַז ער שיקט
יעדן טאָג בריוו, און מיר ענטפערן נישט, דאָ שרייבט ער אַזוי
און מיר האָבן דורך דער פּאָסט נישט דערהאַלטן קיין שום
בריוו. היינט וועלן מיר שוין זיכער דערהאַלטן אַ בריוו. איך
האָב באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צום טאַטן און גלייך אַריינ-
געלייגט אין פּאָסט ווייל זי איז אַקוראַט געקומען צו פאָרן.
דער בריווטרעגער האָט אונדז איבערגעגעבן אַ בריוו פון
טאַטן און דערנאָך צוויי קאַרטלעך. אין די פּאָסטקאַרטלעך
און אין דעם בריוו שרייבט ער דאָס זעלבע וואָס אין פריער-
דיקן בריוו, נאָר אין בריוו שרייבט ער צי איז בעסער מיט
זיין נערוועישקייט צי אָן איר. די מאַמעשי האָט גלייך טעלע-
פאָנירט קיין סוכעדניאָוו זי זאָל אַרויסשיקן דאָס געלט דעם
טאַטן, מיר פון אונדז האָבן דעם טאַטן באַלד אַרויסגעשיקט
100 זלאָטעס. דאָס דאָזיקע געלט שיקן מיר אים דערפאַר,
ווייל דאָ קאָן מען זיך איינגאַנצן נישט סטאַרען, אפשר וועט
ער זיך דאָרט סטאַרען.

28 מ אַ י: היינט בייטאָג זענען געווען באַנדיטן אין ווזדאָליע. ווען די פּאָליציי איז געקומען זענען זיי איינגאַנצן נישט אַנטלאָפן נאָר אָנגעהויבן צו שיסן און די פּאָליציי האָט זיך געמוזט באַהאַלטן און זיי זענען זיך אַוועק אין וואַלד. מען האָט גלייך טעלעפאָנירט קיין קעלץ די זשאַנדאַרמעריע זאָל קומען און אין עטלעכע שעה אַרום זענען געקומען 2 אויטאָס, זיי זענען געווען אין ווזדאָליע אָבער מען האָט קיינעם נישט געכאַפּט. היינט איז אָנגעקומען אַ פּאָסטקאַרטל פון טאַטן און פון דעם פעטער פון קעלץ. דער טאַטעשי שרייבט נישט קיין שום נייעס, ער שרייבט נאָר אַז ער האָט אַ האָפענונג אַז אינגיכן וועט ער קומען. דער פעטער שרייבט אויך נישט קיין שום אינטערעסאַנטס.

31 מ אַ י: היינט איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ מעל־דונג אַז אין סקאַרזשיסקאָ וועט פאַרקומען אַ טויש פון די אַר־בעטער, און אַז דעם 4־טן יוני דאַרפן זיך מעלדן אין ראַט 60 מאַן, וועלכע וועלן באַקומען צעטלען. איז אין אַזאַ פאַל קען גאָט געבן, אַז דער טאַטע וועט קומען. די 60 מאַן וועלן פאָרן בלויז אויף 7 טעג.

29 מ אַ י: ווען די קעלצער זשאַנדאַרמעריע איז אָפּ־געפאָרן זענען נאָך פאַרבליבן 8 אין ביעליני. איינער אַ זשאַנ־דאַר דורכגייענדיק לעבן אַ הויף, האָט דערזען, ווי אַ יידישע פרוי אַנטלויפט ער האָט איר גלייך באַפוילן זי זאָל בלייבן שטיין, אָבער זי האָט נישט געפאָלגט נאָר געלאָפן ווייטער, אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט בלייבן שטיין, האָט ער איר נאָכגעשאָסן און געטראָפן פאַר דעם ערשטן מאָל. דערנאָך

האָט ער זי געהייסן פֿאַרגראָבן דאָ ווי אַלע דערשאָסענע. וואָס פֿאַר אַ שווידערלעכער גורל עס האָט זי געטראָפֿן, מע זאָל אָן שום סיבה דערשיסן. ווען זי איז געלעגן אויפֿן הויף האָט זי דאָך 6 קינדער, האָט מען זיי אַפֿילו נישט דערלויבט זיך צו דערנעענטערן צו איר, און אויב וועלכעס האָט אָנגעהויבן וויינען האָט ער געשלאָגן.

1 יוני: א טאָג פֿון פֿרייד. מיר האָבן דערוואַרט היינט א בריוו פֿון טאַטן, אָבער ער איז נישט געקומען, עס איז בלויז אָנגעקומען א פּאָסט־קאַרטל פֿון קוזין און גרוסן פֿון טאַטן און מער גאָרנישט. מיר האָבן צוגעגרייט אַ גרויס פּעקל פֿאַרן טאַטן ווייל מאָרגן פֿאָרט מען פֿון ראַט קיין סקאַרזשיסקאָ מיר האָבן פֿאַרפּאַקט אַ דין רעקל, וועש, פּאַנטאָפּל א ביסל קאַרטאָפֿל ברויט און אַנדערע קלייניקייטן. מיט אומגעדולד האָב איך געוואָלט אַז ס'זאָל שוין זיין דער דריטער עס זאָל קומען א בריוו פֿון טאַטן. אפֿשר האָט ער וועלכע ס'איז שאַנסן צו קומען אַהיים. אין אָוונט בין איך געגאַנגען צום שכן מאַכן טרעפֿעס פֿאַר דער שוועסטער. מאַכנדיק זיי האָב איך דערהערט ווי עס פֿאָרט אַן אויטאָ און א געזאַנג, איך האָב גלייך א טראַכט געטאָן, אַז דאָס פֿאָרן מסתּמא יידן פֿון סקאַרזשיסקאָ. איך בין באַלד אַרויסגעלאָפֿן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי פֿאָרן ווירקלעך. פֿון דער וויטנס איז געווען צו זען ווי זיי פֿאָכן מיט די הענט און מיט די היטלען, איך האָב דערזען ווי אויך מיין טאַטע פֿאָכעט. איך האָב אַליין געוואָרפֿן און געלאָפֿן נאָכן אויטאָ. איך בין שטיין געבליבן צוזאַמען מיטן אויטאָ; איך האָב גלייך גענומען דעם טאַטנס

RUBINOWICZ DAWID

RUBINOWICZ DAWID

RUBINOWICZ DAWID

NAKŁAD SPOŁEM

Związku Spółdzielni Spożywców R. P.

WYPRODUKOWANO W KLUCZEWSKIEJ FABRYCE PAPIERU I CELULOZY S. A.

I. gatunek **Format 148 x 210 m/m** **Ilość kartek 16**

Rubinowicz Dawid

Rubinowicz Daw

Rubinowicz

Rubinowicz Dawid, D

Rubinowicz

Rubinowicz Dawid

קלומיק און דער טאַטעשי איז אַראָפּ געגאַנגען פון אויטאָ. די מאַמעשי האָט פון מיר גענומען דעם קלומיק און איך בין אַוועק אין פּאָליציי־וואַך אָפּצונעמען דאָס פּעקל. אַז איך בין געקומען אין שטוב האָב איך פון דער גאַנצער פרייד זיך אַפילו נישט געקאָנט באַגריסן מיטן טאַטן. קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אונדזער פרייד, בלויז דער קאָן זיך עס פאָרשטעלן ווער עס לעבט דאָס איבער. אָבער קיינער האָט נישט דערוואַרט, אַז זיי זאָלן היינט קומען. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ווי אין א פילם. כמעט אין איין סעקונדע האָבן מיר אַזוי פיל איבערגעלעבט. ס'זענען זיך גלייך צונויפגעגאַנגען פיל מענטשן, יעדער האָט געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס גוטס. דער טאַטעשי איז געקומען צו פאָרן מיט א פאַרוואונדעטער האַנט, ווייל דערפאַר האָט מען אים פריי געלאָזט... אין אָנפאַנג האָב איך זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ער איז זייער שטאַרק פאַרוואונדעט. זייער שווער איז מיר צו באַשרייבן די אַלע דערציילונגען פון טאַטן. איך וועל אָנפאַנגען פון דעם אָנהייב פון דער דערציילונג. צום ערגסטן איז געווען דער ערשטער טאָג, דערנאָך האָט מען זיך צוגעוווינט, די אַרבעט איז נישט אַזאַ שרעקלעכע, בלויז די דיסציפּלין איז א שוידערלעכע, אויב עמעצער זינגט נישט אָדער מאַרשירט נישט אַזוי גוט, כאַפּט ער שטעקנס. דאָס אויפוועקן קומט פאַר 4 פאַרטאָג, און אַרבעטן הערט מען אויף 5 נאָכמיטאָג. 13 שעה איז נישט דערלויבט זיך צוצוזעצן אויף א מינוט, און ווער עס זעצט זיך צו כאַפּט שרעקלעך געשלאָגן. צום דערציילן האָט קיין סוף נישט גענומען מיר זענען געזעסן ביז 2 אין דער

נאַכט, ס'איז נישט מעגלעך דאָס צו באַשרייבן. דער טאַטעשי זעט נישט אויס זייער שלעכט, ער האָט דאָך געגעסן וויפל ער האָט באַדאַרפט. צוליב דער גאַנצער פרייד האָב איך פאַר־געסן צו באַשרייבן דאָס וויכטיקסטע און דאָס שרעקלעכסטע. היינט אינדערפרי זענען צוויי יידישע פרויען אַרויס אין דאָרף, דאָס זענען געווען א מאַמע מיט א טאָכטער. צום אומגליק זענען געפאָרן דייטשן פון בודקי נאָך קאַרטאָפל, קיין באָ־דזענטין און געטראָפן די 2 יידישע פרויען. ווען זיי האָבן דערזען די דייטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַנטלויפן אָבער זיי האָבן זיי דעריאָגט און פאַרהאַלטן. זיי האָבן זיי געוואָלט דער־שיסן אין דאָרף נאָר דער סאָלטיס האָט נישט דערלויבט, זע־נען זיי אַוועק לעבן וואַלד און דאָרט זיי דערשאָסן. די יידישע פּאָליציי איז באַלד געפאָרן נאָך זיי, כדי זיי צו באַגראָבן אויפן בית־עולם. ווען די פור איז געקומען איז זי געווען זייער פאַר־בלוטיקט. ווער

אויף דעם רייסט זיך איבער דאָס טאָג־בוך פון דודל.

באַמערקונג פון רעדאַקציע.

אין דער איבערזעצונג איז איינגעהיט געוואָרן דער אויטענטי־שער טעקסט פון אויטאָר, פון דאַנען אָפט נישט קיין ריכטיקע פונקטאַציע ווי אויך איניקע אומקלאָרע זאַצן און אויסדרוקן.

tylko dyscyplina jest okropna, jak kto na dworze spaw [illegible] rozmawia to dostaje baty. Pobudka jest o 4-tej rano, a przestaje pracować o 5-tej popo. Od 4-tej do 13 godzin nie wolno sobie usiąść na minutę, kto sobie usiądzie dostaje okropnie. Opowiadania nie miały końca, siedzieliśmy do 2-giej w nocy, to nie możliwe to opisać. Tatuś nie wygląda bardzo źle, jest to pewnie że pokutował. Z tej całej radości zapomniałam opisać co w mieście są najważniejsze a najstraszniejsze. Dzisiaj mi uciekły 2 Żydówki, się uwolniły to matka i córka. Jak na nieszczęście jechali Niemcy i [illegible] po kartofle do Bodzentyna, i spotkali te 2 Żydówki. Gdy one zobaczyły Niemców to zaczęły uciekać ale dogonili i złapali ich. Chcieli ich zastrzelić zaraz na miejscu ale sołtys nie pozwolił, to poszli koło lasu i tam ich zastrzelili. Żydowska policja pojechała zaraz po nich żeby pochować ich na cmentarzu, ale furmanka pojechała przypadkiem, to była bardzo zdenerwowana. Kto

וועגן דעם ווייטערדיקן גורל
פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באָדזענטין

אין סעפּטעמבער 1942, וואַרשיינלעך צווישן 15=טן און 21=טן, האָט מען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג געטריבן צופוס מיטן שאָסיי קיין סובעדניאָוו, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַ מהלך פון 25 קילאָמעטער פון באָדזענטין. פאַר אַלטע לייט, פרויען און קינדער האָט מען געגעבן עטלעכע פורן. דער דאָזיקער מאַרש איז פאָרגעקומען אונטערן עסקאָרט פון זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, וועלכע האָבן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן זיך איזדיעקעוועט איבער די אומגליקלעכע, יאָגנדיק זיי און מיט קלעפּ צווינגענדיק אָנצוהאַלטן דעם אָנגעוואָרפענעם טעמפּאָ.

קיין סובעדניאָוו, ווו עס האָט זיך געפונען אַ באַן=סטאַציע, האָט מען אויך אין דער צייט געבראַכט די יידן פון בליזשין (600), פון סאַמסאָנאָוו (350), זאַגנאַנסק אאַז. צוזאַמען האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ 5000 יידן. אין קעלצער קרייז זענען געווען צוויי ערטער, ווו מען האָט קאָנצענטרירט די יידישע באַפעלקערונג ערב איר דעפּאָרטאַציע אין אומקום=לאַגער: איינס פון די ערטער איז געווען קעלץ, דאָס צווייטע — סובעדניאָוו.

די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע מען האָט אויף אַזאַ אופן צונויפגענומען אויפן פּלאַץ אין סובעדניאָוו, האָבן די היטלעריסטן מאָנטיק, דעם 21=טן סעפּטעמבער 1942, אין פייערלעכן טאָג פון יום=כפור, אָנגעלאָדן אין דער צאָל פון 4.500 אין ספּעציעל צוגעגרייטע פי=וואַגאָנעס, אויסגעשיטע מיט וואַפנע. אין סובעדניאָוו האָט מען איבערגעלאָזט ביי אַ 250 יידן, כדי אויפצורוימען דאָס געטאָ, צונויפזאַמלען און סאָרטירן דאָס איבערגעבליבענע האָב און גוטס אאַז. נאָך דעם פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט האָט מען דעם 14=טן אָקטאָבער 1942, 200 פּערזאָן אַרויסגעפירט אין דעם אַרבעטס=לאַגער אין בליזשין, און 50 אין דעם אַרבעטס=לאַגער „האַסאַג“ אין סקאַרזשיסקאָ=קאַמיענע.

דער צוג מיט די דעפּאָרטירטע יידן פון סובעדניאָוו איז דורך מאַלקין אָפּגעשיקט געוואָרן אין דעם אומקום=לאַגער פון טרעבלינקע (טרעבלינקע II).

דאָס אומקום=אָרט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון באָדזענטין, סובעדניאָוו, זאַגנאַנסק, סאַמסאָנאָוו אאַז. אונטערליגט נישט קיין שום

ספק. אַלע אָן אויסנאַם טראַנספּאָרטן מיט דעפּאָרטירטע ייִדן פון קעלצער קרייז זענען געוואָרן אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע. און נישט בלויז פון קעלצער קרייז. די ייִדן פון גאַנצן ראַדאָמער דיסטריקט (אַרום 350.000) האָבן געפונען דעם טויט אין די גאַז=קאַמערן פון טרעבלינקע.

אין דעם באַריכט, וועלכן די פאַראייניקטע אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשעווער געטאָ האָבן אַרויסגעשיקט דעם 15 נאָוועמבער 1942 צו דער פּוילישער עמיגראַציע=רעגירונג אין לאָנדאָן וועגן דער עקסטערמינאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן, אין דער אָפּטיילונג „פּראָווינץ“, איז אָנגעגעבן, אַז צווישן אַנדערע האָט דער אָקופּאַנט אויך ליקווידירט דעם ייִדישן ישוב אין סובעדניאָוו און די אוימאָרן פאַרבינדן דאָס דייטלעך מיט דעם אומקום=לאַגער אין טרעבלינקע.

עס איז אויך כדאַי צו דערמאָנען, אַז ס'האָט זיך איינגעהיט אַ צירקוליאַר פון פּרעזידיום פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף (יי. ה. אי.) אין קראָקע, אַדרעסירט צו דער דעלעגאַטור פון דער זעלבסטהילף אין באָדזענטין. געפינט זיך דאָרט אַ באַמערקונג פון בריוועטרעגער ביי דער דאַטע פון 30=טן אָקטאָבער 1942: „צוריק. די ייִדישע דעלעגאַטור איז אַרויסגעפאָרן פון באָדזענטין“.

טרעבלינקע II, אַ לאַגער פון מאַסן=אומקום אין סאָקאָלאָווער קרייז (וואַרשעווער וואָיעוו.) אין דער צייט פון יולי 1942 ביז סעפּטעמבער 1943 האָט מען דאָ אין די גאַז=קאַמערן אויסגעמאָרדעט איבער 800.000 מענטשן, דער עיקר פּוילישע ייִדן. דאָס טויטן איז פאָרגעקומען דורך אַריינפירן אין די קאַמערן גאַז פון די פאַרברען=מאָטאָרן.

מע קען אפילו מיט אַ געוויסער פּינקטלעכקייט פעסטשטעלן, ווען עס זענען קיין טרעבלינקע אָנגעקומען די ייִדן, וועלכע זענען דעם 21=טן סעפּטעמבער 1942 פאַרלאָדן געוואָרן אין סובעדניאָוו אין די טויט=וואַגאָנעס. דער פאַר=פּלאַן נומער 587 פון 15=טן סעפּטעמבער 1942 (זע אַ פאָטאָקאָפּיע) האָט פאָרויסגעזען, אַז דער צוג מיט די ייִדן פון סובעדניאָוו דורך סקאַרזשיסקאָ און ראַדאָם וועט אָנקומען אויף דער באַן=סטאַציע פון טרעבלינקע דעם 22=טן סעפּטעמבער (דינסטאָג) 11 אַזייגער מיט 24 מינוט פאַרמיטאָג און וועט צוריקגיין אַ ליידיקער דעם זעלבן טאָג אַזייגער 15 מיט 59 מינוט נאָכמיטאָג. נעמענדיק אין באַטראַכט, ווי אויך געדענקענדיק, אַז די מענטשן פון די ווייטערע טראַנספּאָרטן זענען גלייך, אין משך פון די נאָענטסטע שעהן נאָך זייער אָנקומען, געוואָרן אָפּגעשיקט אין די גאַז=קאַמערן און געטויט, קען מען האַלטן, אַז דודל איז צוזאַמען מיט די אַנדערע פון סובעדניאָווער טראַנספּאָרט אומגעקומען דעם 22=טן אָדער 23=טן סעפּטעמבער 1942.

נאָכוואָרט

ווען דוד האָט געשריבן די ערשטע נאָטיצן אין זיין טאָג־בוך, האָט ער געהאַט צוועלף יאָר. עס איז אים פון לעבן געקומען דאָס אַלץ, וואָס מיליאָנען קינדער אויף דער גאַנצער וועלט. אַלזאָ דערנערונג, נאָך וועלכער מע זאָל אויפשטיין אַ זאַטער, מעגלעך היגיעניש באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג, לערע, וועלכע איז אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער געליבט, שפּילן זיך מיט חברים, לייענען ביכלעך, וועלכע זענען נאָענט צום האַרץ, אַ זאָרגפולע השגחה אַ ביסל פרייד און נישט צופיל צרות, טיילמאָל אַ שטראָף פאַר אַ חטא, צייטנווייז אַ גרעסערער פאַרגעניגן.

באַשיידענע פאָדערונגען, אין אַזאַ יוגנט איז שווער אָנצורופן אַ באַזונדערס גליקלעכע יוגנט, דאָס וואָלט געווען בלויז אַ יוגנט סתם, אַ געוויינלעכע.

די דאָזיקע אָרעמע, געוויינלעכע, יוגנט איז געוואָרן דערדריקט דורך איינעם פון די שוידערלעכסטע באַרבאַריזמען, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט ווען עס איז געקאָנט.

דוד רובינאָוויטש, פּונקט ווי אַ מיליאָן ייִנגערע און עלטערע קינדער פון אים, איז געוואָרן דערמאָרדעט איינציק און אויסשליסלעך דערפאַר, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד.

די עלטערן פון דודן האָבן פאַר זייערע קינדער זיכער באַגערט דאָס, וואָס אַלע געוויינלעכע עלטערן אויף דער וועלט—אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט, הויט־קאָליר, געאָגראַפישער ברייט, אויף וועלכער זיי וווינען, אָדער עקזיסטענץ־באַדינגונגען — וואָלטן געוואָלט פאַר

זייערע קינדער דאָס זעלבע, וואָס איר וואָלט באַגערט פאַר אייערע קינדער, איר, וואָס לייענט די דאָזיקע ווערטער, און איך וואָס שרייב זיי. געזונט, אַ ריכטיקע אויסבילדונג פון כאַראַקטער, אַביסל גליק און האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. אָבער די רובינאָוויטשעס האָבן נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן פאַר זייערע קינדער אפילו אַ ברוכטייל פון זייערע שטרעבונגען און חלומות פון עלטערן. איינציק און אויסשליסלעך דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען יידן.

עס איז באַווּסט, אַז די משפחה רובינאָוויטש האָט נישט געלעבט אין רייכטום. היינט דערמאָנט זיך שוין קיינער נישט פּינקטלעך אין קראַינאַ, ווען די רובינאָוויטשעס האָבן זיך פון קעלץ אַריבערגעקליבן אין דעם דאָזיקן גרויסן דאָרף לעבן באָדזענטין. יעדנפאַלס האָט דאָס געמוזט פאַרקומען זייער לאַנג פאַר דעם, איידער אויף אייראָפּע האָבן זיך געוואָרפן די מחנות מיט די שוואַרצע האַקנקרייצן. דאַכט זיך, אַז דודלס פאָטער האָט אין קראַינאַ געהאַט אַ שטיקל פעלד. די דאָרטיקע פויערים דערציילן, אַז ער האָט דאָס פעלד פאַרקויפט און אויסגעבויט אַ קליינע מילכיקעריי, ביי וועלכער ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אין אַ צימער מיט אַ קיך. זיי האָבן געפירט אַ דאָרפיש לעבן, זיך געקליידט ווי אַלע דאָ.

ווערליק עס דערציילן די, וועלכע געדענקען די רובינאָוויטשעס, האָט מען זיי אין קראַינאַ ליב געהאַט פאַר זייער אָרנטלעכקייט, ריינקייט און פריינדלעכקייט צו אַנדערע. ביז היינט דערציילט מען אין קראַינאַ, ווי דודלס מאַמע, טויבע, האָט אין משך פון פיל יאָר נישט איינעם געהאָלפן בעת אַ קראַנקהייט אָדער אין פאַל פון פאַרוונדיקונג. אין דאָרף איז אפילו קיין פעלדשער נישט געווען, און טויבע רובינאָוויטש, זעט אויס, האָט פאַרמאָגט אַ האַנטאַפּטעטשקע מיט באַנדאַזשיר־מיטלען, פראָשקעס קעגן ווייטיק, יאָדינע, אַלערליי זאַלבן און שמירעכצן. האָט זי אויף אַ שכנישן אופן געהאָלפן, פאַרשטייט זיך, אומזיסט.

דודל איז געגאַנגען אין דער גרונט־שול אין קראַינאַ. דאָרט האָט ער אין יולי 1939 געענדיקט דעם זעקסטן קלאַס און אַריבער אין זיבעטן. אין די אַלטע שול־דאָקומענטן האָבן זיך איינגעהיט די אָפּשריפטן פון דעם קליינעם רובינאָוויטשעס צייגענישן. ער האָט זיך גוט געלערנט.

היינט קאָנען די איינוווינער פון דעם דאָרף בלויז אָנווייזן דאָס אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דאָס הייזל, אין וועלכן דודל האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין טאָג־בוך. פון דעם קליינעם מילך געוועלבל איז קיין שפּור נישט פאַרבליבן. עס איז געוואָרן צענומען נאָך פאַר דעם סוף פון דער מלחמה.

און עס קאָן זיין, אַז עס וואָלט אויך נישט געבליבן קיין שפּור פון דער עקזיסטענץ פון דער משפּחה רובינאָוויטש, ווייל שוואַך און שטערבלעך איז דאָך דער מענטשלעכער זכרון, ווען עס וואָלטן זיך נישט איינגעהיט די פאַרצייכענונגען פון דודלען. זיי זענען אָנטהאַלטן אין פינף גאַנץ מיזערנע שול־העפטן פון יענע צייטן, העפטן מיט הילעס פון פּאָמעראַנצן־קאָליר און ליניִרטע זייטלעך (איינער איז וואַרשיינלעך גענומען ביי דער שוועסטער — אויף דער הילע שטייט איר נאָמען*).

די פאַרצייכענונגען פון יאָר 1940 נעמען אַרום קוים אַכט און אַ האַלב זייטל. זיי זענען געשריבן נישט מיט קיין זייער אויסגעאַרבעטער האַנטשריפט, אָבער זייער פלייסיק און ריין. די פאַרצייכענונגען זענען אויף אַ קינדערשן אופן לאַקאָניש, די פאָרמולירונגען זענען אַנטוואָפנדיק מיט זייער אוממיטלבאַרקייט. אָבער שוין אַדאַנק זיי דערקענען מיר אַ ייִנגל, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן דאָרף און מיט דער נאַטור, אַ פילבאַר און דענקנדיק קינד.

---

* די טיילונג אויף העפטן האָבן מיר זיך באַמיט אין דער אויסגאַבע איינצוהיטן, געבנדיק אויף די אַנטשפּרעכנדיקע ערטער רעפּראָדוקציעס פון די הילעס, אָדער פאָטאָקאָפּיעס פון די ערשטע זייטן (צוויי העפטן האָבן נישט קיין הילעס — אין אונדזער אויסגאַבע הייבן זיי זיך אָן: דריטער העפט — זייט 33, פינפטער העפט — זייט 75). רעד.

די פאַרצייכענונגען פון דודלען פון יאָר 1941 פאַרנעמען פינף און פערציק זייטלעך פון די העפטן. דער קליינער רובינאָוויטש פאַרצייכנט איצט עפּטער, רעגולערער, ברייטער. די האַנטשריפט פון יינגל איז שוין וויניקער קאַליגראַפיש, אָבער קלענער און מער אויסגעאַרבעט. אַ שיינער פּויליש, טיפּיש פּראָווינציאָנעל, מיט כאַראַקטעריסטישע זאַצן פון דעם דאָרפישן לשון אין קעלצער קרייז. די אָרטאָגראַפיע און פּונקטואַציע אין אַלגעמיין אָן פאַרוואורף. איך באַוווּנדער די געוויסנהאַפטיקייט און עקשנות פון דעם דאָזיקן דאָרפישן יידישן יינגל פון אַן אָרעמער סביבה, וועלכער אין כאַאָס פון עוולות און גרוילן, אין יאָרן, ווען יעדער מינוט איז געווען דורכגענומען מיט שרעק און יעדע שעה האָט געקענט זיין די לעצטע שעה — האָט געקאָנט זיך אָנשטרענגען צו מאַכן זיינע פאַרצייכענונגען מיט אַזאַ פּלייסיקייט. עס איז טשעקאַווע, אַז אין די וויטערע העפטן באַווייזן זיך אַלץ עפּטער אומפּינקטלעכקייטן אין די ווערטער, וואָס זאָגן עדות — לויט מיין מיינונג — פון דעם פּסיכישן צושטאַנד פון דעם פאַרצייכענער. נעמלעך, דודל הייבט אָן — ווי מע זאָגט — פאַרלירן אותיות. וויפל מאָל טרעפט זיך אונדז, דערוואַקסענע, דאָס זעלבע. וויפל מאָל לאָזן מיר אַדורך זילבן און אפילו גאַנצע ווערטער, ווען עס קומט אונדז אויס צו שרייבן מעג זיין אַ בריוו אין אַ צושטאַנד פון נערוועזער שפּאַנונג, אָדער אונטערן איינפלוס פון געריגטקייט.

אין זיינע פאַרצייכענונגען פון יאָר 1941 ווידמעט דער קליינער רובינאָוויטש נאָך אַ סך אָרט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אויפן דאָרף. ער דערמאָנט דאָס פאַשען פון דער קו, נעמט זיך זייער שטאַרק איבער מיט דער טריקעניש, איז אונטער אַ ריזיקן איינדרוק פון דעם געוואַלדיקן שטורעם, האָט פאַרגעניגן פון דעם קלייבן יאַגדעס, און דאָס אָנטרעפן זיך אויף דעם פוקס אין וואַלד באַטראַכט ער פאַר אַ נישט דורכשניטלעך געשעעניש. נאָר אָט הייבן זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען פאַר דעם עמאָציאָנעל דעליקאַטן

יינגל פון קראַינאַ געשעעניש, וועלכע שטייגן אַריבער די מאָס פון מענטשלעכער אויסהאַלטעוודיקייט.

עס איז אין די פאַרצייכענונגען פאַראַן אַלץ, און אפילו מער פון דעם, וואָס עס האָט פאַרשריבן דודל אין זיינע רעלאַציעס, וועלכע זענען טאַקע קורץ־געפאַסט און ריין פון יעדער עקזאַל־טאַציע. דאָ אַנטפּלעקט זיך מיט אַ שווידערלעכער בולטקייט דער מעכאַניזם פון דער היטלערישער טויט־מאַשין. מע זעט, ווי די קלעשטשעס פון אַן אומגעהערטן ווילקיר פאַרקלעמען אַלץ ענגער די מענטשן מיט אַ ברוטאַלן געוואַלד, וועלכער שטרייכט איבער יעדן באַגריף פון רעכט.

אין אָנהייב פון פינפטן העפט פון טאָג־בוך זעט זיך אַ ראָזער אָפּדרוק פון אַ שטעמפּל מיט דער אויפשריפט: „ד. רובינאָוויטש באַדזענטין קעלצער גאַס נומער 13״. זעט אויס, אַז דודל, כדי צו גע־פינען זיך וועלכע ס'איז באַשעפטיקונג, אָדער אפשר ווילנדיק כאַטש אויף אַ ווײַלע נישט קלערן וועגן דעם, וועגן וועלכן ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן קלערן — האָט זיך אויסגעשניטן אין גומע אָדער האָלץ אַזאַ שטעמפּל.

ווען נישט אָט דער, קוים אָנזעעוודיקער צייכן, וועלכער איז אָפּגעדרוקט עטלעכע מאָל אויף דער הילע פון העפט, וואָלט זי־כער דער טאָג־בוך פון קליינעם רובינאָוויטש, די דאָזיקע אויפשווי־דערנדיקע און איינציקע אין איר מין באַשטעטיקונג פון דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — געבליבן אַ נאָמענלאָזע באַשטעטיקונג.

ווען דאָס יינגל, אָנהייבנדיק זיינע פאַרצייכענונגען פון יאָר 1942, האָט אויסגעמאָלט אין העפט אַן עטוואָס מער באַצירנדיקע וויניעטע, האָט ער אויף זיכער זיך נישט געריכט, אַז גראָד אין דעם יאָר וועט זיין אייגן פערצניעריק לעבן ווערן איבערגעהאַקט אומפאַרמיידלעך און אויף אייביק.

די פאַרצייכענונגען פון די פינף חדשים פון צוויי און פער־ציקסטן יאָר זענען אַנטהאַלטן אין דריי און זעכציק זייטלעך. עס

פעלן די לעצטע זייטלעך פון פינפטן העפט, דעם לעצטן פון די אפגעראַטעוועטע.

עס איז זייער מעגלעך, אַז דער קליינער רובינאָוויטש האָט נאָך פאָרגעזעצט זיינע פאַרצייכענונגען אין משך פון דעם יאָר, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן, ווייל ער האָט נאָך זיכער געלעבט ביז אין דער העלפט פון אויגוסט, ביז דעם טאָג, ווען אויף דעם באַדזענטינער מאַרק האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל פון טראָמ־פייט און אַלע יידן באַפוילן זיך גלייך קלייבן אין וועג אַריין.

דודל צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע האָט וואַרשיינלעך צוגע־וואַנדערט צו יענע „שוואַרצע טויערן" צופוס. עס האָבן זיך גע־לאָזט אין גאַנג די זשאַנדאַרישע קאַראַבינען, צילנדיק אין די, פאַר וועלכע בלויז דאָס אַנטלויפן האָט אויסגעזען ווי די איינציקע האָ־פענונג. די ווילדע געשרייען פון דער עסקאָרטע, דער אָפּהילך פון די קלעפּ, דאָס בילן פון די הינט — די דאַזיקע באַקאַנטע היטלערישע מוזיק פון אומקום האָט באַגלייט די געטריבענע צו דער באַן־סטאַציע אין סוכעדניאָוו. דאָרט נאָך אַ שטיקל צייט האָט מען צונויפגעשטופּט די מענטשן אין די וואַגאָנען און אַוועקגע־פירט אויף דער אייביקייט־רייזע, פון וועלכער עס איז נישט דאָ קיין צוריק.

וועלכע זענען געווען די לעצטע מינוטן פון דודלען? וואָס האָט ער געטראַכט און וואָס האָט ער געטאָן? דאָס ווייסן מיר נישט און מיר וועלן עס שוין זיכער קיינמאָל נישט וויסן.

אָבער איך בין איבערצייגט, אַז ער האָט זיך ביזן סוף פאַר־האַלטן מיט ווירדע. מע קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. מיר האָבן דאָך אים גרינטלעך דערקענט אין משך פון צוויי יאָרן, וואָס ער האָט געפירט זיין טאָג־בוך. די איינציקע ירושה נאָך אים, וועלכע איז אַזוי שפּאָרזאַם אין ווערטער, אַנטהאַלט אין זיך אַן אויסער־געוויינלעכע פּסיכאָלאָגישע און עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג.

מיר געדענקען דודלען, ווי אַזוי, איבערלייענענדיק די מעל־דונג, וועלכע פּאַרמיאוסט די יידן אויף דעם סאַמע עקלהאַפטן אופן, באַמיט זיך צו באַהערשן איבער זיין דערנידעריקונג. מיר געדענ־קען אים, ווי ער גייט אַרויס ביינאַכט אויפן הויף ערב דעם אַרויס־שיקן פון זיין דאָרפישער היים, כדי קיינער זאָל נישט זען, ווי ער וויינט. מיר געדענקען אים, ווי ער לויפט שנעלער פון דער פור דורך אַ שטח פון פינף קילאָמעטער מיט אַ האַלב באַזיניקטן באַ־שלוס אויסצובאַהאַלטן זיינע געפילן. מיר אָבסערווירן אים, ווי אויס־מיידנדיק רחמנות איבער זיך אַליין און טרערן, העלפט ער מיט אַלע כוחות די עלטערן. ווי ער זאָרגט וועגן מענטשן, וועלכע ער קען קוים, און ווי שטאַרק ער נעמט זיך איבער אין זייערע אומ־גליקן.

וויניק זענען געווען אַזעלכע עוולות, וועלכע זאָלן דעם דאָזיקן קינד האָבן געוואָרן איינגעשפּאַרט. כאָטש ער האָט אַבסאָלוט קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, איז ער צוזאַמען מיט זיינע באַקאַנטע געוואָרן אַרויסגעוואָרפן אויסער דער גרענעץ פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט. עס עקזיסטירט נישט אַזאַ מאָס מיט וועלכער מען זאָל קאָנען מעסטן דעם אומגעהויער פון ליידן פון דעם קליי־נעם רובינאָוויטש. און דאָך פילט נישט דאָס דאָזיקע באַשיידענע און לפנים פשוטע יינגל קיין האַס צו זיינע פאַרפאָלגער. לויט די יסודות, אויף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן אין אַלגעמיין די פסי־כאָלאָגיע, האָט דער גאַנצער גרויל, וועלכן דודל האָט איבערגע־לעבט, באַדאַרפט אין אים אָפּטויטן יעדעס מענטשלעך געפיל, מאַכן אים גלייכגילטיק אויף אַלץ, וואָס איז נישט זיין פּערזענלעכע זיכערקייט. אָבער דאָס יינגל איז אַרויס מיט נצחון פון דעם דאָ־זיקן געראַנגל.

און אפשר טאָקע דערפאַר, וואָס דער קליינער דודל טראַכט נישט וועגן באַצאָלונג און חלומט נישט וועגן נקמה, באַשולדיקט אפילו נישט — איז זיין טאָג־בוך איינע פון די סאַמע דראַמאַ־

טישסטע, פון די סאַמע אויסדריקלעכסטע באַשולדיקונגען קעגן דעם סיסטעם, וועלכער האָט אויסגעמאָרדעט מיליאָנען אַזעלכע מענטשן ווי די רובינאָוויטשעס.

*

דאָס טאָג־בוך פון דוד רובינאָוויטש איז אַריינגעפאַלן צו מיר אין די הענט אומגעריכט און כמעט צופעליק.

אין מערץ 1959 בין איך געפאָרן קיין באָדזענטין צו זאַמלען מאַטעריאַל וועגן אַ שוידערלעך פאַרברעכן, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע און וואָס האָט צווישן אַנדערן געהאַט אַן אַנטיסעמיטישע אונטערלאַגע.

נאָך דעם אָפּדרוקן פון רעפּאָרטאַזש האָב איך באַקומען עט־לעכע אַנאָנימען מיט דראָאונגען און מיט זידל־ווערטער פון סאַמע אָרדינערסטן מין און גלייכצייטיק אויך אַ פּעקל פון הער אַר־טעמיוש וואָלטשיק, געוועזענער סעקרעטאַר פון גמינע־ראַט אין באָדזענטין און אָנפירער פון אָרטיקן ראַדיאָ־קלוב. דער הער וואָל־טשיק האָט מיר צוגעשיקט פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו באָדזענטין. אויסער דעם, דרינגענדיק אויפן סמך פון רעפּאָרטאַזש, אַז די געשיכטע פון אומקום פון די יידן גייט מיך זייער שטאַרק אָן, האָט ער צו זיין פּעקל צוגעלייגט די פינף העפטן פון דוד רובינאָוויטשעס טאָג־בוך.

נאָך אַ קאָרעספּאָנדענץ־אויסטויש מיט הער וואָלטשיק האָב איך מיך דערוווּסט אין קורצן די געשיכטע פון דער משפחה רובי־נאָוויטש ווי אויך פון טאָג־בוך גופא. צום וואַרשיינלעכסטן, ווען די היטלעריסטן האָבן אין אויגוסט 1942 געטריבן די יידן פון באָדזענטין קיין סוכעדניאָוו, האָט דודל אין כאַאָס פון בהלהדיקן פאַרפּאַקן זיך אין וועג פאַרגעסן זיין טאָג־בוך, אָדער ער האָט בע־סער געוואָלט אים נישט מיטנעמען מיט זיך.

די העפטן האָבן זיך ערשט נאָך פופצן יאָר געפונען אין די הענט פון דער הערשאַפט וואָלטשיק. זיי האָבן פראַגמענטן פון זיי פאַרעפנטלעכט אין זייערע ראַדיאָ־אוידיציעס. דערנאָך האָבן זיי די העפטן צוגעשיקט מיר.

Maria Jarochowska

„Książka i Wiedza" Warszawa, marzec 1960 r.
Nakład 10.000 + 350 obj. ark. wydaw. 5 obj. ark. druk. 8
papier dzieł. mat. gł. kl. III 80 g. 61 × 86 cm.
Drukarnia RSW „Prasa" Warszawa, Tarczyńska 8.
Zam. 415 — C-77.

Dr.med. Irmfried Eberl
SS-Untersturmführer
W a r s c h a u
Palais Brühl/SS- und Polizeiführer

Warschau, den 7.7.42.

An den

Kommissar für den jüdischen Wohnbezirk

W a r s c h a u
Palais Brühl.

Der Kommissar
für den jüdischen Wohnbezirk
in Warschau
Eing.: 9. Juli 1942
Anl.:
Tgb.:
Sachgeb.:

Betrifft: Arbeitslager Treblinka.

Das Arbeitslager Treblinka wird am Sonnabend, den 11.7.42 betriebsfertig sein.

Zur endgültigen Fertigstellung werden noch folgende Gegenstände benötigt:

1000 Schellen für Lichtleitung 9 mm
20 elektrische Fassungen mit Schalter
20 elektrische Fassungen ohne Schalter
3 m Treibriemen 6 cm breit
3 Saugkörbe für Brunnen mit Rückschlagventil 1 1/2 Zoll
1 Tischbohrmaschine
3 kg Nussbaumbeize
3 kg Beize Eiche hell
1 Feldschmiede

Um schnellste Lieferung wird gebeten. Der Betriebsbeginn wird durch den Termin der Lieferung obengenannter Gegenstände nicht berührt, da die Anlage bis Sonnabend bereits behelfsmässig arbeitsfähig wird.

H e i l   H i t l e r !

[signature]

דער ס.ס.־אונטערשטורמפירער דר. מעדיצין אירמפריד עבערט מעלדעט: „דער אַרבעטס־לאַגער טרעבלינקע וועט שבת, דעם 11/VII.42 זיין גרייט געלאָזט צו ווערן אין גאַנג" (אַ דאָקומענט פון אַרכיוו פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע און פון וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט).

Generaldirektion der Ostbahn (5) Krakau, den 16. Sept. 1942
33H Bfp 16 Bfsv

Ostbahn
Bahnhof Sokolow Podl.
Eing. 18. IX. 1942

Fahrplananordnung Nr 587
Nur für den Dienstgebrauch!

An
Bfe, Baui der Strecken Sedziszow - Kielce - Skarzysko Kam. - Radom - Deblin - Lukow - Siedlce - Malkinia; Kielce - Tschenstochau; Bf Treblinka; Bf Kozienice;
Bw Sedziszow, Kielce, Tschenstochau, Skarzysko Kam., Radom, Deblin, Lukow, Siedlce, Malkinia;
Zl Tschenstochau, Siedlce; Zü Radom;
OBD, Ozl, Bap Warschau, Radom;

Gedob: Bü, Bü(Lok, B 41, Bfp 3, 14, 15, 16, 17, 22, 44; L 2, 3, 71, Vt 11, VK I (3), Wg 1,
Ref 7, 9, 21, 21H, 30, 31, 32, 33, 34, 34H, 36, 37;

Es verkehren folgende Sonderzüge für Umsiedler aus dem Bezirk Radom:

1.) Leerzug Lp Kr 9220 nach Fahrplananordnung Nr 582 ist von Treblinka nicht nach Tschenstochau, sondern nach Sedziszow zu leiten:
Kielce an 6.41 am 20.9, ab 6.51 im Plan Dg 91266 B,
Sedziszow an 9.20

In Sedziszow ist der Wagenzug bis 21.9. abzustellen.

2.) P Kr 9228 (30.9) Sedziszow - Treblinka am 21./22. Sept.

Sedziszow	16.18	im	Plan	Dg 91253 B
Kielce	18.56/19.55	"	"	Dg 91255 B
Skarzysko Kam.	21.41/22.43	"	"	Dg 91255 B
Radom	0.03/ 0.28	"	"	Dg 91557 B
Deblin Gbf	2.30/ 3.10	"	"	Dg 91257 B
Lukow	5.17/ 6.08	"	"	Dg 95402 B
Siedlce	6.58/ 8.34	"	"	Dg 91365 B
Treblinka	11.24/ (15.59)			

Wagenzug: 2 C + 50 G.

2.) Rückleitung des Leerzuges:
Lp Kr 9229 (30.11) von Treblinka nach Szydlowiec am 22./23.Sept.

Treblinka	(11.24)/15.59	im	Plan	Dg 91368 B
Siedlce	17.56/18.42	"	"	Dg 91445 B
Lukow	19.36/30.37	"	"	Dg 91266 B
Deblin Gbf	22.34/23.36	"	"	Dg 91266 B
Radom	1.34/ 1.50	"	"	Dg 91266 B
Szydlowice	3.08/21.30)			

3.) P Kr 9230 (30.9) von Szydlowiec nach Treblinka am 23./24. Sept.

Szydlowiec	(3.08)/21.30	im	Plan	Dg 91249 B
Radom	22.29/ 0.13	"	"	Dg 91555 B
Deblin Gbf	2.00/ 3.10	"	"	Dg 91257 B
Lukow	5.17/ 6.08	"	"	Dg 95402 B
Siedlce	6.58/ 8.34	"	"	Dg 91365 B
Treblinka	11.24/(15.59)			

„דער ספּעציעלער צוג פֿאַר איבערזידלער“ פֿון סענדזישאָוו (פּאָז. 2) דורך סקאַרזשיסקאָ־
קאַמיענגאַ וועט אָנקומען, לויט דעם פֿאַר־פּלאַן פֿון אויבן, קיין טרעבלינקע דעם 22/XI אַזייגער
11.24 (דאָקומענט פֿון אַרכיוו פֿון דער הויפּט־קאָמיסיע פֿאַר פֿאַרשן די היטלערישע פֿאַרברעכנס
אין פּוילן

4.) Rückleitung des Leerzuges:

Lp Kr 9231 (30.11) von Treblinka nach Szydlowiec am 24./25. Sept.

Treblinka	(11.24)/15.59	im Plan	Dg 91368 B
Siedlce	17.56/18.42	" "	Dg 91445 B
Lukow	19.36/20.37	" "	Dg 91266 B
Deblin Gbf	22.34/23.36	" "	Dg 91266 B
Radom	1.34/ 1.50	" "	Dg 91266 B
Szydlowiec	3.08/(21.30)		

5.) P Kr 9232 (30.9) von Szydlowiec nach Treblinka am 25./26. Sept.

Szydlowiec	(3.08)/21.30	im Plan	Dg 91249 B
Radom	22.49/ 0.13	" "	Dg 91255 B
Deblin Gbf	2.00/ 3.10	" "	Dg 91257 B
Lukow	5.17/ 6.08	" "	Dg 95402 B
Siedlce	6.58/ 8.34	" "	Dg 91365 B
Treblinka	11.24/(15.59)		

6.) Rückleitung des Leerzuges:

Lp Kr 9233 (30.11) von Treblinka nach Kozienice am 26./27. Sept.

Treblinka	(11.24)/15.59	im Plan	Dg 91368 B
Siedlce	17.56/18.42	" "	Dg 91445 B
Lukow	19.36/20.37	" "	Dg 91266 B
Deblin Gbf	22.34/23.36	" "	Dg 91266 B
Bakowiec	0.00/ 0.05	im Sonderplan (Kreuzung mit P	
Kozienice	0.35		

7.) P Kr 9234 (30.9) von Kozienice nach Treblinka am 27./28. Sept.

Kozienice	20.00		
Bakowiec	20.30/20.43	im Plan	Dg 91237 B
Deblin	21.08/23.01	" "	Dg 91243 B
Lukow	1.08/ 3.11	" "	Dg 91464 B
Siedlce	4.01/ 5.08	" "	Dg 91359 B
Treblinka	7.20/(15.59)		

8.) Rückleitung des Leerzuges:

Lp Kr 9235 (30.11) von Treblinka nach Tschenstochau am 28./29. S

Treblinka	(7.20)/15.59	im Plan	Dg 91368 B
Siedlce	17.56/18.42	" "	Dg 91445 B
Lukow	19.36/20.37	" "	Dg 91266 B
Deblin Gbf	22.34/23.36	" "	Dg 91266 B
Radom	1.34/ 1.50	" "	Dg 91266 B
Skarzysko K.	3.31/ 4.44	" "	Dg 91266 B
Kielce	6.41/ 7.40	" "	Dg 91106 B
Tschenstochau	14.02		

Lok stellen: Bw Sedziszow bis Skarzysko Kam., Bw Skarzysko K. bis Deblin, Bw Deblin bis Lukow, Bw Lukow bis Siedlce, Bw Siedlce bis Treblinka u. Lp zurück bis Lukow, Bw Debl von Lukow bis Szydlowiec bezw. Kozienice u. Skarzysk Bw Skarzysko K. bis Kielce, Bw Kielce bis Tschenstoch

Zub stellen: Bf Sedziszow bis Skarzysko K, Bf Skarzysko K, bis Deblin, Bf Deblin bis Siedlce, Bf Siedlce bis Treblinka Lp zurück bis Deblin, Bf Deblin bis Kozienice, Szydlowiec u. Skarzysko K. Bf Skarzysko K. bis Kielce, Bf Kielce bis Tschenstochau.

Im Tschenstochau ist der Wagenzug vorübergehend abzustellen. Anordnung über Weiterverwendung folgt.

המשך פון די דאָקומענטן

143

Besondere Anordnungen

Die Bf- und Bw-Vorsteher oder Vertreter haben aus besonderen Gründen die planmäßige Durchführung der Sonderzüge und die Lokgestellung zu überwachen.

Die Sonderzüge und auch die Leerzüge sind planmäßig durchzuführen, damit die Ein- und Ausladezeiten und der Wagenzugumlauf eingehalten werden können. Bei Verspätungen sind die vorgesehenen Aufenthalte nach Möglichkeit zu kürzen. Die Leerzüge dürfen unterwegs nicht abgestellt werden.

OBD Radom und Warschau werden ersucht, den Lauf der Züge zu überwachen. Zzl melden Unregelmäßigkeiten sofort an das Fahrplanbüro der Gedob, Ruf 1256 oder 5676.

Bfe Sedziszow - Szydlowiec u. Kozienice melden die Zahl der beförderten Personen mit Einschreibebrief an Ref 33 der Gedob.

Der Wagenzug besteht aus 2 C und 50 G.
Last: Vollzüge 800 t, Leerzüge 600 t.

Die Einladung erfolgt im Einvernehmen mit dem Transportleiter der Sonderzüge.

Die beteiligten Bediensteten und Stellen sind zu verständigen!

Der Empfang dieser Fplo ist der vorgesetzten OBD zu bestätigen.

gez Richter

Beglaubigt: Glas

Reichsbahninspektor

המשך פון די דאָקומענטן

אַזוי איז פאָרגעקומען דאָס פאַרלאָדעווען די טראַנספּאָרטן אין לאַגער (אויפנאַמע פון די זאַמ־לונגען פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט).



דער זייטיקער באַן=וועג וועלכער האָט געפירט קיין טרעבלינקע (אויפנאַמע פון יידישן היס=
טאָרישן אינסטיטוט).

דער בריוו האָט צוריגעקערט קיין קראָקע — קיין יידן און באַדזשענטין זענען נישטאָ (דאָקומענט
פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט).



די פאַרסמטע אין די גאַז־קאַמערן האָט מען אין טרעבלינקע געברענט אויף אַ שייטער (אויפנאַמע
פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט).



טרעבלינקע 1945